STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02930

SHTEYNBERG'S

Abraham Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטיינבערג׳ס

בריפענשטעלער

ענטהאלט:

פאמיליען בריף, ליבע בריף, חתן כלה בריף,
מאַן און פרוי בריף, פריינדע בריף,
איינלאדונגס-בריף, גראטולאציאָן-בריף,
געשעפטס-בריף, און קינדער בריף.

געדרוקטע
און
געשריבענע בריף



פערלאג
סטאַר היברו בוק קאָמפּאַני
18 אָרטשאַרד סטריט, ניו-יאָרק
1926

Printed in the United States of America

אינהאַלט:

נומער		זייטע
1	פאָררעדע	4
	ערשטע אָבטיילונג:	
2	כְּלָלִים ריכטיג צו שרייבען אידיש	7
3	ווערטער וועלכע שרייבען זיך גלייך	14
4	נעמען: מענערשע און ווייבערשע	15
5	טעג און חֳדָשִׁים	19
6	יָמִים טוֹבִים, יוֹמָא דְפַגְרָא׳ס און תַּעֲנִיתִים	„
7	די סְדָרוֹת	21
8	בוכשטאַבען אַלס ציפער	„
9	רָאשֵׁי-תֵּבוֹת (פערקירצטע ווערטער)	22
10	טיטלען צו בריעף	24
11	נייטיגע ווערטער	25
	צווייטע אָבטיילונג:	
12	פאַמיליען=בריעף	29
13	ליעבע=בריעף	53
14	חָתָן-כַּלָּה בריעף	57
15	מאַן=פרוי בריעף	63
16	פריינדע בריעף	77
17	שִׁדוּכִים בריעף	88
18	אָנפראַגע בריעף	91
19	איינלאַדונגס בריעף	93
20	גראַטולאַציאָן בריעף	95
21	געשעפטס בריעף	96
22	קינדערשע בריעף	100
23	פאַרשיעדענע בריעף	111

פאָררעדע.

דיעזער נייער פאָללשטענדיגער בריעפענשטעללער ערשיינט יעטצט ניט ווייל עס פעהלען בריעפענשטעללערס נאָר טאַקי דעריבער, וואָס עס איז יאָ דאָ. עס איז ביי אונז דאָ בריעפענשטעללערס, נאָר ליידער איז אין זיי ניטאָ דאָס וואָס אין אַ גוטען בריעפענשטעללער דאַרף זיין — און דאַדורך ברייגען זיי ניט די נוטצען וואָס מען ערוואַרטעט פון אַ בריעפענשטעללער... אייניגע זיינען געשריבען גאָר אָהן אַ טַעַם, אַנדערע זיינען פוסטע, אַנדערע שיטען מיט פראַזעס און הייכע מְלִיצוֹת. מיט איין וואָרט: אונטער אַללע בריעפענשטעללערס (צַרבייטענדיג דיעזעס בוך האָב איך זיי אַללע פאַר זיך געהאַט), איז קיין איינציגער ניטאָ אַ פראַקטישער און אַ נוטצליכער.

בעמערקענדיג דאָס, ערשיינט דיעזער בריעפענשטעללער. דאָס איז שוין אַזאַ כּאַקט: וואו עס איז בּוסט, מוז וואָס וויכטיגעס בעשאַפען ווערין. אַז עס איז גיוועזן „תֹהוּ וָבֹהוּ" — פוסט און וויסט, איז גיוואָרען אַן עוֹלָם וּמְלוֹאָה — אַ וועלט מיט אַללעס גוטס... עס איז פוסט און וויסט גיוועזן אין אונזער אידישער ליטעראַטור, אין די אָבטהיילונג פון בריעפענשטעללער האָט דאָס אַרויסגערופען אַ נייעם פאָלשטענדיגען בריעפענשטעללער, פול מיט אַללעס וואָס פון אַ בריעפענשטעללער איז צו ערוואַרטען, ווי די געעהרטעסטע לעזערינען און לעזער וועלין זיך איבערצייגען בלעטערינדיג דאָס בוך.

מען קען גאַנץ דרייסט האָפען אַז אַללע, וועלכע וועלין דאָס בוך קויפען וועלין דאַנקבאַר זיין דעם מחבר.

א.

כְּלָלִים וִוי צוּ שְׁרַייבֶּען רִיכְטִיק אִידִישׁ.

1. דִיא יוּדִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ הָאט צְוֵויא אוּן צְוַואנְצִיג בּוּכְשְׁטַאבֶּען, ד. ה. אוֹתִיוֹת; דָאס זַיינֶען וִויא:

א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כ, ל, מ, נ, ס, ע, פ, צ, ק, ר, ש, ת.

2. בּ — הָאט צוּ זִיךְ צְוֵוייטֶען בּוּכְשְׁטַאבּ אַ וֵוייכֶען — ב
כּ — ″ ″ ″ ″ ″ ″ כ
פּ — ″ ″ ″ ″ ″ ″ פ
תּ — ″ ″ ″ ″ ″ ″ ת

3. דִיא פִינְף בּוּכְשְׁטַאבֶּען הָאבֶּען אִין עֶנְדֶע (סוֹף) וָוארְט אַנ׳אַנְדֶער פָארְמֶע:
כּ־כ — אִין עֶנְדֶע וָוארְט — ך, צוּם בֵּייְשְׁפִּיל: כַּלָה, דֶעקְטוּךְ.
מ — ″ ″ ″ ם, ″ ″ מַאדַאם.
נ — ″ ″ ″ ן, ″ ″ נִיטָן.
פּ־פ — ″ ″ ″ ף, ″ ″ פַאנִיע, הָאף.
צ — ″ ″ ″ ץ, ″ ″ צַאהְל, וִויטְץ.

4. דִיא בּוּכְשְׁטַאבֶּען — א, ו, י, ע, וֶוערִין בֶּענוּטְצְט אַלְס נְקוּדוֹת.

א — רֶעכְנֶט זִיךְ וִויא אַפַּתַח, צבּ״ש: אַ, בַּא, בַּאלְד, זַאמְד, נַאגְץ. אוֹיךְ וִויא אַקָמֶץ, צבּ״ש: אָ, אָבֶּער, הָאבֶּער, גָאר, נָאטְה, קָאן.

ו — לֶעזְט זִיךְ וִויא שׁוּרוּק (וּ), צבּ״ש: אוּ, אוּן, גוּט, דוּא, קוּם, אִין אָנְפַאנְג וָוארְט וֶוען דָאס וָוארְט הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ וו, צבּ״ש: וואוּנְד, וואוּ, וואוּנְדֶער אוּן דָאס גְלֵייכֶען.

י — וֶוערְט בֶּענוּצְט וִויא אַ חִירִיק, צבּ״ש: אִי, אִיךְ, בִּין, נִיךְ, דִיר.

ע — וֶוערְט בֶּענוּטְצְט וִויא אַ סֶגוֹל, צבּ״ש: עֶ, עֶר, בֶּער, דֶער, הֶערְד. אִין פִּיל וֶוערְטֶער קוּמְט נָאכְ׳ן עֶ אוֹיךְ דֶער בּוּכְשְׁטַאבּ „ה", צבּ״ש: מֶעהְר, עֶהְרֶע, קְלֶעהְרִין, אוּנ זָא וַוייטֶער. דָאס אִיז אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִין וֶוערְטֶער וֶועלְכֶע זַיינֶען גִינוּמֶען פוּן דִיא דַייטְשֶׁע שְׁפְּרַאךְ.

5. עֶס אִיז אוֹיךְ דָא נְקוּדוֹת וָואס בֶּעשְׁטֶעהֶען פוּן צְוֵויא בּוּכְשְׁטַאבֶּען.

וי — וֶוערְט בֶּענוּצְט פַאר אַ חוֹלֶם, צבּ״ש: אוֹי, אוֹיף, הוֹיז, מוֹיז, גְערוֹיש.

יי — וִוי אַ צֵירֶה, צבּ״ש: אֵיי, בֵּיין, הֵיים, קֵיינֶעם, אֵיינֶעם.

אִין אֵיינִיגֶע וֶוערְטֶער לֶעזְין זִיךְ אִין עֶנְדֶע וָוארְט דִי צְוֵויי יוּדְעס וִוי אַ פַּתַח, צבּ״ש: נַיי, בְּרַיי, שְׁפַּיי, דְרַיי

6. אין אידיש ווערין בענוצט נור דיזע אידישע בוכשטאבען:

א, בּ, ג, ד, ה, ו, ז, ט, י, ל, מ, נ, ע, פּ, צ, ק, ר, שׁ.

דאס הייסט זייא גיפינען זיך אין אנפאנג ווארט און אויך אין מיטען און צום סוף.

דיא בוכשטאבען ווערין אין אנפאנג ווארט קיין מאל ניט בענוטצט:

ב, ח, כּ, כ, ס, תּ, ת.

אנשטאדט דעם בוכשטאב ב קומען צווייא וואווין, צב״ש: וואס, וואלף, געוואלד, געוואלט.

דער בוכשטאב ח אין אנפאנג ווארט איז נאר אין דיא ווערטער: חאטש, חאפען.

אנשטאדט א כּ קומט א ק.

דער כ אין אנפאנג ווארט איז נאר אין ווארט: כאראקטער.

אנשטאדט תּ קומט דער בוכשטאב ט.

אנשטאדט ת קומט דער בוכשטאב ס.

7. די ווערטער וואס קומען ארויס פון לשון קדש (העבּרייאיש) כוזען זיך שרייבען ריכטיג, דאס גלייכען אויך אין אנדערע שפראכען.

9. אללע ווערטער בעשטעהן פון א ווארצעל (שרש) און געבענווערטער.

דיא געבענווערטער ווייזען אויף א וועלכע עס איז פערענדערונג.

דיא געבענווערטער קומען אין אנפאנג פון ווארט, ד. ה. פאר דעם שרש, אויך אין ענדע, ד. ה. נאך דעם שרש. אט דא איז איניגע ביישפּילען (משלים):

דער שׁרש פון ווארט: געהן

דער געבענווארט

- אויף־געהן,
- בע־געהן־זיך,
- פער־געהן,
- דורכ־געהן,
- צו־געהן,
- אוועק־געהן,
- אב־געהן,
- מיט־געהן.

געהענדיג, געהענדיגערהייט.

דער שׁרש פון ווארט: ריידען

דער געבענווארט

- אב־ריידען,
- בע־ריידען,
- מיט־ריידען,
- נאכ־ריידען,
- פאר־ריידען,
- צו־ריידען,
- דורכ־ריידען־זיך,
- פער־נאנדער־ריידען,
- אויס־ריידען,
- איבער־ריידען.

ריידענדיג, ריידענדיגערהייט.

ווען דיא געבענווערטער ענדיגען זיך מיט דעם וועלביגען בוכשטאב, מיט וועלכין עס הייבט זיך אן דער ווארט, בלייבען ביידע בוכשטאבען, צב"ש: געהמען — אנ נעהמען, רוקען — אונטעררוקען,
בינדען — אב בינדען, ריידען — איבער ריידען.

10. דיא געבענווערטער קומען אמאהל אויך מיט לשון קדש (העבריאישע) ווערטער, דאנן טהיילען זיא זיך אב מיט אצייכען פון אייבען. ועהכלל 7.
א לשון־קדש ווארט קומט מיט א זשארגאנישען געבענווארט נאר אין דיא פאהלע:

א. ווען פון לשון־קדש ווארט ווערט א ביי־ווארט,

ב. ווען עס הייסט אז איין זאך געהערט אן דעם

צוא א ביי־ווארט לייגט זיך צו "דיג" "דיגער" "ער" "ע", צב"ש: חמץ — חמצ'דיג, חמצ'דיגער. פסח — פסח'דיג, ופסח'דיגער. כשר־כשר'ער, כשר'ע. פשוט — פשוט'ער, פשוט'ע.

אין זעלטענע פאהלע לייגט זיך אויך צו "ניק", צב"ש: כל־בו'ניק טרפה'ניק, צוויא־ווייבער'ניק א. ד. ג.

11. דיא געבען ווערטער, וועלכע לייגען זיך צוא צוא א נאמען, ווערי אויך אבגיטהיילט מיט אצייכען, צב"ש:
אברהם — אברהם'ס, אברהם'ן, אברהם'ל. משה — משה'ס משה'ן, משה'לע, משה'נקע. חנה — חנה'ס, חנה'ן, חנה'לע א. ד. ג.

12. אין שרייבען ווערין בענוצט פערשידענע צייכען, וועלכע רופען זיך "אבשטעלונג צייכען"

זיא קומען אום צו ווייזען וואו מען דארף זיך אב שטעהלען לעזענדיג לייגנער אדער קירצער. אהן זיא איז ערשטינס האט דאס געשריבענע, וויא מען זאגט, קיין "טעם" ניט, און צווייטינס קען טרעפען אז דער לעזער זאל אדער גאר ניט פארשטיין וואס מען שרייבט איהם, אדער ער וועט עס פערשטעהן גראדע פארקעהרט וויא דער שרייבער האט גימיינט.

דאס זיינען דיא צייכען, זייערע נעמען און בעדייטונג:

. — פונקט, דער צייכען קומט נאך יעדער אין גאנצען פערענ־דיגטען זאטץ.

... — פיל פונקטען שטעהלט מען ווען דער שרייבער מיינט אז מען זאל פערשטעהן נוט די געדאנקען, אדער דער שרייבער ענדיגט ניט, און פערלאזט זיך אויף דעם לעזער אז ער וועט

דיא בונה געפינען. אין דעם לעטצטין פאלל שטעהלין זיך אמאהל דרייא שטריכען — — —. (זעה ווייטער)

, — זאפיאטאיע (קאמא) דער צייכען ווערט בענוצט ווען איין טהייל פון זאטץ (מאמר) ערקלעהרט דיא צווייטע. צב"ש: איך וואלט דיר מעהר געשריבען, נאר איך בין מיעד. זייט נאר רוהיג, אללעס וועט זיין אין ארדענונג.

; — אויבען א פונקט און אונטען אקאממא (נאפיאטאיע) קומט ווען דיא טהיילען פון זאטץ זיינען אבגעהאקט, אדער ניט שטימיג. צב"ש: איך וועל ביא אייך מעהר דאס געלד ניט בעטין; אבער וויסען זאלט איהר אז סוד וועט אויף פאדערין...

: — צוויי פונקטען שטעהלין זיך דאן ווען עס גיבען זיך איבער פרעמדע רייד מיט יענעמס לשון, צב"ש: ער האט מיר גיענטפערט גאנץ איינפאך: „איך קען אייך ניט". דיא פרעמדע ווערטער קומען פון ביידע זייטען אין קאוויצקעס.

? — פראגע צייכען שטעהלט זיך אין ענדע זאץ, וועלכער דריקט זיך אוים מיט א פראגע, צב"ש: ווי גיפעהלט דיר מיין כלה? ווען וועט ביי דיר מיט מזל התונה זיין?

! — אויסשריי צייכען שטעהלט מען אין ענדע זאץ ווען עס דריקט זיך אוים א גישריי, אדער א וואונדער, צב"ש: גיה ארוים! אה, האסטו מיר דערעסען! ווי שיין דו זעהסט היינט אוים!

עס טרעפט אזאטץ וואס דריקט אוים אוואונדער מיט אפראגע צוזאממען, אין אזא פאלל שטעהלין זיך אין סוף מאמר ביידע צייכען צוזאממען, צב"ש: איז דאס אמת?! קען דאס זיין?!

18. כמעט יעדער אידישער ווארט, איבערהויכט א נאמען פון אזאך, פאדערט פאר זיך דעם בוכשטאב — אלף, צב"ש: א מענטש, א טאג, א גאנג. דאס גלייכען אויך דיא לשון קודש ווערטער וואס בענוטצען זיך אין אידיש, צב"ש א מתנה, א קרבן, א נדר, ווען אבער דער אידישער אדער לשון קודש הייבט זיך אן מיט די בוכשטאבען א, ע, צב"ש: ארט, אביון, עממער, עולה — דאן קומט שוין פאר דעם ווארט „אן" מיט אצייכען אויבען:

ארט — אנ'ארט, אביון — אנ'אביון,
עממער — אנ'עממער, עולה — אנ'עולה

14. דאָ איז איינינע ביישפּילען וויא! אין אידיש בילדעט זיך דער מעהרצאל

1. אָרט–ערטער, וואָרט–ווערטער.
2. באל–בעלער, פאס – פעסער.
3. נאס–נאסען.
4. לאנג–לייננ, נאנג – נייננ.
5. בער–בערין, מעהר–מעריי.
אונעריק– אונערקעס.
7. איי – אייער, ביין – בייגער.
8. שניידער– שניידערס.

9. פוס – פיס, נוס – ניס.
10. היטץ – היטצען,
בליטץ = בליטצען
11. קלונער – קלונע.
12. פליש – פליישען
13. שנייא – שנייען.
14. קיהל – קיהלען.
15. וועלט–וועלטין, קעלט–קעלטין.

ב.

לְשׁוֹן־קֹדֶשׁ וֶוערְטֶער, וֶועלְכֶע קוּמֶען אַריין אִין זַשארְגָאן.

אֵבָרִים — גְלִיעדֶער; זֶעהר שֵׁיינֶע אֵבָרִים.
אוֹרֵחַ, אוֹרְחִים — גַאסְט, גֶעסְט; הַיינְט אִיז גֶעקוּמֶען אַיין אוֹרֵחַ, צְווייא אוֹרְחִים.
אַחֲרָיוּת — פֶערַאנְטְוָוארְטְלִיכְקֵייט; אוֹיף מַיינֶע אַחֲרָיוּת.
אֵימָה — אַשְׁרֶעק; עֶס גֶעהְמְט אָן אַנ׳אֵימָה.
אֱמֶת — וָוארְהֵייט; דֶער בֶּעסְטֶער לִיגֶען אִיז דֶער אֱמֶת.
אֲסֵפָה — פֶערְזַאמְלוּנְג; בַּייא דִיא צִיוֹנִיסְטֶען אִיז אָפְט אַנ׳ אֲסֵפָה.
אֵשֶׁת חַיִל — אַ ווירְטְהִין; מַיין פְרוֹי זָאל לֶעבִּין אִיז אַנ׳ אֵשֶׁת חַיִל.
בָּחוּר — קַאוַאלֶער; מַיין חָתָן אִיז אַשֵׁיינֶער בָּחוּר.
בַּטְלָן — לֵיידִיג־גֶעהֶער; דַיין מַאנְן אִיז אַ בַּטְלָן.
בֶּן בַּיִת — אַ הוֹיז מֶענְטְשׁ; אֵיינִיגֶע יָאהְר אִיז עֶר גִיוֶוען אַ בֶּן בַּיִת.
בֶּן יָחִיד — אֵיין אֵיינְצִיגֶער, בַּת יְחִידָה — אֵיין אֵיינְצִיגֶע.
בְּרֹגֶז — בֵּייז; אִיךְ בִּין מִיט דִיר בְּרֹגֶז.
בְּשׂוֹרָה — נַאכְרִיכְט; עֶר הָאט מִיר גִיבְּרַאכְט אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.
גַאֲוָה — שְׁטָאלְץ; גַאֲוָה לִיגְט אוֹיף מִיסְט, יֶעדֶערֶער גֶעמְט אוּמְזִיסְט.
גְבִיר — מַיין מְחוּתָּן אִיז אַ גְבִיר. (רֵייךְ)
גוֹלֶם — זַיין כַּלָּה אִיז אַשְׁטִיק גוֹלֶם. (אַ נַארְר)
דַאֲגָה — זָארְג; אַנָא דַאֲגָה זָאל אִיךְ הָאבֶּען מִיט קִינְדֶער.
דֵעָה — פֶערְשְׁטַאנְד; וֶוער עֶס הָאט דִיא מֵאָה, הָאט דִיא דֵעָה.
דֶרֶךְ אֶרֶץ — שְׁטַאט; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבֶּען דֶרֶךְ אֶרֶץ.
הוֹצָאָה — אוֹיסְגַאבֶּע; עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל הוֹצָאָה.
הוֹסָפָה — דֶערְלֵייגוּנְג; גִיט מִיר אַ הוֹסָפָה.
הֲנָאָה — פֶערְגֶענִיגֶען; נִיט אַלֶע מֶענְטְשֶׁן הָאבִּין פוּן זַייעֶר לֶעבִּין הֲנָאָה.
הֶפְקֵר — פְרַייא; דִיא וֶועלְט אִיז נִיט הֶפְקֵר.
הַתְחָלָה — אָנְהֵייבּ; דֶער סוֹף אִיז זִיכֶערֶער פַאר דִיא הַתְחָלָה.
וִכּוּחַ — דוּרְכְרֵייד; אִיךְ וֶועל מִיט אַייךְ הָאבֶּען אַ וִכּוּחַ.
זְכִיָה — וֶוערְטְהֶה; נִיט אַלֶע הָאבֶּען דִיא זְכִיָה מִיט אִים צוּ רֵיידֶען.
זְמַן — סֶעזָאן; אַ צִיוֹנִיסְטִישֶׁער בֵּית הַסֵּפֶר הָאלְט נָאר אֵיין זְמַן.
חָבֵר — קָאלֶעגָא; עֶר אִיז מַיין חָבֵר.
חֵלֶק — אַ טְהֵייל; עֶר הָאט גִינוּמֶען זַיין חֵלֶק.

חֵן — גונסט; אויף מיין כַּלָּה'ס פָּנִים ליגט אַ חֵן.

חֵפֶץ — אַ זאך; עֶר איז אַ שֵׁיינֶער חֵפֶץ,

טַלִית — וָואס קָאסְט אַ זֵיידֶענֶער טַלִית?

יַחְסָן — מיין חָתָן איז אַ יַחְסָן.

יַקְרוּת — טְהַייֶער; דיין חָתָן איז אַ יַקְרוּת.

כְּתוּבָּה — איך וָועל דיר גֶעבֶּען אַ גְרויסֶע כְּתוּבָּה

לוּחַ — אַ קַאלֶענְדַאר; עֶר לֵייגְט ווִיא אַ לוּחַ.

מַזָל — גְלִיקְק; איך בִּין שוין אַ כַּלָּה מִיט מַזָל.

מֵבִין — פֶארְשְׁטֶעהֶער; דַאנְקִין גָאטְט וָואס מיין חָתָן איז נִיט קֵיין מֵבִין.

מְזוּמָן — בַּאאַר; דִיא נְדָן זָאלִין אָב צֵייהֶלֶען אין מְזוּמָן.

מִסְחָר — הַאנְדֶעל; אַלֶץ טוּט מֶען צוּא לִיעבּ מִסְחָר.

מַשְׁקֶה — אַ שְׁנַאפְּס; בֶּעסֶער אַ בִּיסִיל מַשְׁקֶה אֵיידֶער אַסַך וַואסֶער.

נַחַת — פֶערְגֶענִיגֶען; הָארֶעוֶועט אַייֶערֶע קִינְדֶער מִיט נַחַת.

נְקָמָה — רַאכֶע; מֶען טָאר פוּן קֵייגֶעם נִיט גֶעהֶמֶען נְקָמָה.

סְגוּלָה — אַמִיטֶעל; גֶעלְד — איז צוּ אַלֶץ אַ סְגוּלָה.

סִבָּה — אוּרְזַאכֶע; איך הָאבּ דִיר נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען אִיבֶּער אַ סִבָּה.

סָפֵק — אַ צְווייפֶעל; איך בִּין אין סָפֵק אויבּ דֶער שַׁדְּכָן וֶועט זַיין.

עַם הָאָרֶץ — אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְשׁ; אַן עַם הָאָרֶץ איז אַ הַאלְבֶּער מֶענְשׁ.

עַיִן הָרָע — שְׁלֶעכְטֶע אויג; מיין בָּאבֶּע שְׁפְּרֶעכְט אָבּ עַיִן הָרָע.

עַוְלָה — אוּנְרֶעכְט; עֶס איז לֵייכְט צוּא טָאהְן אַן עַוְלָה און שְׁוֶוער צוּא לֵיידֶען.

פָּטוּר — אוּנְשׁוּלְדִיג; אַ נַאר איז אַלֶע מָאהְל פָּטוּר.

פְּשָׁרָה — דוּרְכְמַאךְ; אַ פְּשָׁרָה קֶען אָרְבּ אויךְ מַאכֶען.

צוּרָה — גֶעזִיכְט; בַּייא אִיהם לִיגְט דֶער נַאר אויפְן צוּרָה.

צַעַר — פֶערְדְרוּס; אַ נַאר איז אַ צַעַר.

קָרוֹב — אַ פְרֵיינְד; דֶער רוּבִּיל מַאכְט אַפְרֶעמְדִין פַאר אַ קָ״יי;

קִנְאָה — אֵייפֶער; קִנְאָה שִׁיסְט וִויא פּוּלְוֶוער.

רֶוַח — פֶערְדִינְסְט; אַן גוּטֶע סְחוֹרָה הָאט מֶען רֶוַח.

רֶנְדֶ״גֶעלְט — יום טוב גֶעלְט; רֶנְדֶ״גֶעלְט גֶעהְמְט אָרְבּ פוּן אַלֶעסֶען.

רָשָׁע — שְׁלֶעכְטֶער; אַ נַאר איז אַ רָשָׁע.

שְׁבוּעָה — שְׁוֶוערִין; בַּייא אַ לִיגְנֶער איז אַ שְׁבוּעָה גָאר נִישְׁט.

שׁוֹמֵר — אַ וֶועכְטֶער; אַ שׁוֹמֵר הִיט פוּן גַנָבִים, אָבֶּער נִיט פוּן זִיךְ.

שַׁדְּכָן — פַארְטִייא; אַן אֱמֶת'ר מֶענְשׁ פִיהְרְט נִיט אוּיס קֵיין שַׁדְּכָן.

שותף — קאמפאניאן; דער בעסטער שותף איז דיא קעשינע.
שכן — א נאכבאר; א שכן האט פיינד דעם בעל הבית.
שכל — פערנונפט; געלט מאכט שכל און שכל — געלט.
תכף — גלייך, באלד; מיין חתונה וועט זיין תכף נאך סוכות.
תכשיט — צירונג; גוטע מעלות איז דער בעסטער תכשיט.
תלמוד תורה — יודישע גנבים לערנען זיך אין תלמוד תורה.
תם — א נאאיווער; א תם פיהלט אין קיין זאך קיין טעם.
גרוש — אגע־גט־ר, בעסער אפרוש איידער א גרוש.
גרושה — אגע־גט־ע, אגרושה איז אנאסטהויז.
עגונה — פערלאסענע פון מאנן. א שיינע עגונה איז אזעלטענהייט.
פרוש — אבגיזאנדערט; אלא־יוצלח וואס קען ניט פערדינען ברויט.

ג.

דער אונטערשייד פון דיא ווערטער, וועלכע לעזין זיך גלייך חאטש זייא האבען פערשידענע בעדייטונגען.

ארט — מיר ארט דאס ניט, ארט — אויף וועלכין ארט? (אופן).
בעטין — איך וועל אים בעטין, בעטין — צייזערנע בעטין.
באנק — זיטץ אויף דעם באנק, באנק — דאס טוהט מיר באנק.
באנק — דאס געלט ליגט אין באנק.
גראב — דיא לייטאנד איז גראב, גראב — נעהם ארידיל און גראב.
היילען — א קראנקער מוס זיך היילען, היילען — טאהן א מצוה דארפין זיך היילען.
הער — הער וואס איך זאג, הערר — ער איז אנאנצער הערר.
הייבען — דיא יודינע איז א הייבען, הייבען — מיין הויז דארף מען הייבען.
ווערט — עס ווערט פריה טאג, ווערטה — וואס איז דיין הויז ווערטה?
וועגין — וועגין דעם וואס מיר ביידין. וועגין — איך האב געקויפט פינף וועגין האלץ.
זייען — מעד מוז מען זייען, זייען — דיא קינדער זייען בלומען.
זייער — דאס איז זייער גוט, זעהער — דאס איז זעהער זאך.
זייט — און זייט א מענטש, זייט — דאס איז אויף דעם ליגקען זייט.
ליגען — דאס איז ליגען, ליעגען — זעה עס זאל גוט ליגען דער ראק.
לייגען — דיא סחורה זאלט איר אב לייגען, לייגען — מען טאר ניט לייגען.

מאלְלען — דיא קארען דארפין מאלְלען, מאהלען - אבילד מאהלין.
מעהר — איך וויל מעהר ניט, מער - דער מער איז אויסער.
נעמען — בעססער געבען וויא נעמען, נעמען - איך געדיינק איינע נעמען.
עלטער — ער האט אגוטען עלטער, עלטער - ער איז פאר דיר עלטער.
פיהלען — מען מוז דעם צווייטען מיט פיהלען, פיללען - דיא קישקא אן פיללען.
קיהלען — ליג אין טיימאשין קיהלען, קיילען - דער שוחט קען קיילען.
קויפען — גוטע סחורה וויל מען קויפען, קויפען - דיא בראנפין גיסט מען אין קויפען.
רוקען — פער־רוקען דעם טשאלינד, רוקקען - ער האט אהויקער אויפען רוקקען.
שטיין — הארט וויא א שטיין, שטעהן - מיר איז שווער צו שטעהן.
שיינק — דא איז א שיינק, שיינק - שיינק אים דעם מאהל.
שנור — פערבונדען מיט אשנור, שנור - אשוויגער רייסט זיך מיט א שנור.
שטעקען — גיב אים מיט א שטעקען, שטעקקען - דוא זאלסט זיך ניט שטעקקען.
תם — ער איז גאר א תם, טעם - דאס האט א גוטען טעם.

ד.

געמען.

I.

מאנזבילשע.

א.

אבא, אביגדור, אברהם, אהרן, אורי, אייזיק, אליהו, אליעזר, אלחנן, אליקום, אלכסנדר, אפרים, אריה, אשר.

ב.

בונם, בן־ציון, בנימין, בצלאל, ברוך, ביינוש, בענדיט.

ג.

גבריאל, גד, גדליהו, גוטמאן, גימפל, געציל, גרשון, גרונם.

ד.

דוב, דָוִד, דָן, דָנִיאֵל.

ה.

הִלֵּל, הירְשֶׁעל, הֶענֶעךְ, הֶערְץ.

ו.

וָ־לְף, וָועלְוָועל.

ז.

זְאֵב, זאַנְוִויל, זְבוּלוּן, זִימִיל, זַלְמָן, זְכַרְיָה, זֶעלִיג, זאַלְקִינְד

ח.

חַיִים, חָנָן, חֲנוֹךְ, חֲנִינָא, חֲנַנְיָה, חַצְקִיל.

ט.

טוֹבִיָה, טוֹדְרוֹס, טְרֵייטִיל.

י.

יְהוּדָה, יוֹאֵל, יוֹחָנָן, יוֹנָה, יוֹם־טוֹב, יוֹסֵף, יְחֶזְקֵאל, יְחִיאֵל, יְדִידְיָה, יְרַחְמִיאֵל, יְהוֹשֻׁעַ, יְשַׁעְיָהוּ, יִשָּׂשכָר.

כ.

כָּלֵב, כַּתְרִיאֵל.

ל.

לֵיב, לֵוִי, לֵייזֶער, לִיפָּא, לִיפְּמַאן.

מ.

מֵאִיר, מִיכֵל, מִיכָאֵל, מְנַחֵם, מֶענְדִיל, מָרְדְּכַי, מַתִּתְיָהוּ

נ.

נֹחַ, נָחוּם, נַחְמָן, נְחֶמְיָה, נָטע, נִיסָן, נַפְתָּלִי.

ס.

סְעַדְיָה, סֶענְדֶער

ע.

עוֹזֵר, עֶזְרָא, עַזְרִיאֵל.

פ.

פֵייטִיל, פֵייוִויש, פִּנְחָס, פִישִׁיל, פֶּרֶץ, פֶּסַח, פְּתַחְיָה.

צ.

צְבִי, צָדוֹק, צֶמַח.

ק.

קַלְמָן, קְלוֹנִימוּס, קוֹפְּמַאנְן.

ר.

רְאוּבֵן, רְפָאֵל.

ש.

שָׁאוּל, שַׁבְּתַי, שֶׁבַח, שַׁבְּתִיל, שֶׁבְנָא, שָׁלוֹם, שְׁמַעְיָה, שְׁנֵיאוֹר.
שִׂמְחָה, שִׁמְעוֹן, שְׁמַרְיָה, שְׁלֹמֹה, שְׁמוּאֵל, שְׁמֶערִיל.

ת.

תַּנְחוּם.

II.

ווייבֶּערְשֶׁע.

א.

אַיידִיל, אִיטָא, אַסְנָה, אֶסְתֵּר, אַלְטֶע.

ב.

בַּיילָה, בְּרָכָה, בְּריינֶע, בְּלוּמָה, בִּתְיָה, בַּת־שֶׁבַע.

ג.

גָאלְדֶע, גִיסָה, גֶעלֶע, גְרוּנָה, גִיטֶעל, גוּטָה, גְנֶענְדִיל.

ד.

דְבוֹרָה, דִינָה, דָאבְּרָא, דָאבֶּע, דְבריינֶע, דְווֹאסְיֶע.

ה.

הִינְדָא, הֶענְיֶע, הֲדַסָּה.

ו.

וִויתְנָא, ווִיטֶע.

ז.

זְלָטָה, זְלַאטֶע, זֶעלְדֶע.

ח.

חַיָה, חַנָה, חַסָה, חָיעסֶע, חָיענֶע.

ט.

טָאלְצֶע, טויבֶּע, טִילָה, טְרַיְנָה, טֶעמֶע.

י.

יַאחֶע, יוכֶבֶד, יְהודִית, יֶענְטֶע.

כ.

אִיז נִיטָא קֵיין ווייבֶּערְשֶׁער נָאמֶען

ל.

לֵאָה, לִיבָּא, לִיזֶע, לִיפְּשֶׁע.

מ.

מַאטְלֶע, מַאשֶׁע, מַארְיַאסֶע, מִינְדִיל, מִינָא, מַחְלָה, מְנוּחָה, מַלְכָּה, מִרְיָם.

נ.

נַחֲמָה, נֶעכֶע, נָעֳמִי

ס.

סָאסְיֶע, סְלָאווֶע, סִימֶע.

ע.

עֶלְקֶע, עֶטִיל, עָמֶקע

פ.

פֵּיגָא, פֶּעשֶׁע, פַּאיֶע, פַּאגְיֶע, פֶּערִיל, פְּרֵיידָא, פְּרַאדֶע.

צ.

צְבִיָה, צִירִיל, צִפּוֹרָה, צִיפָּא.

ק.

קְלַארֶע, קֵיילֶע, קְרֵיינֶע.

ר.

רַאשִׁיל, רָסְיֶע, רִבְקָה, רָחֵל, רוּחָמָה, רֵייזֶע, רֶעלֶע.

ש.

שֵׁיינָה, שָׁאשֶׁע, שֶׁבַע, שִׁפְרָה, שָׂרָה.

ת.

תָּמָר, תַּמָרָה, תִּרְצָה.

III.

דִּיא טֶעג.

זָאנְטַאג,	יוֹם	רִאשׁוֹן	אָדֶער	יוֹם	א׳
מָאנְטַאג,	„	שֵׁנִי	„	„	ב׳
דִּינְסְטַאג,	„	שְׁלִישִׁי	„	„	ג׳
מִיטְוָואךְ,	„	רְבִיעִי	„	„	ד׳
דָאנֶערְשְׁטַאג,	„	חֲמִישִׁי	„	„	ה׳
פְרַייטַאג,	„	שִׁשִּׁי	„	„	ו׳
שַׁבָּת					

אַנְמֶערְקוּנְג: פְרַייטַאג שְׁרַייבְּט זִיךְ עש״ק, דָאס מַאכְט — עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ. שַׁבָּת׳דִיגֶע נַאכְט שְׁרַייבְּט זִיךְ מוש״ק, דָאס מַאכְט — מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ.

IV.

דִּיא חֳדָשִׁים.

	יוּדִישׁ	דַייטְשׁ		יוּדִישׁ	דַייטְשׁ
1.	נִיסָן,	מֶערְץ,	7.	תִּשְׁרֵי,	סֶעפְּטֶעמְבֶּר,
2.	אִיָּר,	אַפְּרִיל,	8.	חֶשְׁוָן,	אָקְטָאבֶּר,
3.	סִיוָן,	מַאי	9.	כִּסְלֵו,	נָאוֶועמְבֶּר,
4.	תַּמּוּז,	יוּנִי,	10.	טֵבֵת,	דֶעצֶעמְבֶּר,
5.	אָב,	יוּלִי,	11.	שְׁבָט,	יַאנוּאַר,
6.	אֱלוּל,	אוֹיגוּסְט,	12.	אֲדָר,	פֶעבְּרוּאַר,

אַנְמֶערְקוּנְג: דֶער חֹדֶשׁ „אָב״ שְׁרַייבְּט זִיךְ מְנַחֵם־אָב. א׳ין אַן עִבּוּר־יָאהְר קוּמְט צוּא אַ דְרַייצֶעהְנְטֶער מָאנַאט עֶר הֵייסְט אֲדָר, דַאן שְׁרַייבְּט מֶען אֲדָר א׳ אֲדָר ב׳.

V.

יָמִים טוֹבִים, יוֹמָא דְפַגְרָא׳ס און תַּעֲנִיתִים.

א״ח, דָאס הֵייסְט — אִסְרוּ חַג, אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ יוֹם טוֹב.
אש״פ, „ „ אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, דֶער לֶעצְטֶער טָאג פֶּסַח

בד"ח, דאָס הייסט — בְּדִיקַת חָמֵץ, דער אָ̈ווענד פאַר פֶּסַח.

יו"ט, „ „ יום טוב. (יאָנטעף). פֶּסַח 14 טעג אין נִיסָן שָׁבוּעוֹת 6 טעג אין סִיוָן, ראֹשׁ הַשָּׁנָה דעם ערשטען תִּשְׁרֵי, סֻכּוֹת 14 טעג אין תִּשְׁרֵי.

יו"כ. „ „ יום כִּפּוּר, צעהן טעג אין תִּשְׁרֵי.

הוש"ר. „ „ הוֹשַׁעְנָה רַבָּה, דעם לעטצטין טאָג חוֹל הַמּוֹעֵד סֻכּוֹת.

חוה"מ. „ „ חוֹל הַמּוֹעֵד, 3, 4, 5 און 6 טאָג פֶּסַח, אויך סֻכּוֹת.

א"ת. „ אֶסְתֵּר תַּעֲנִית, ערב פּוּרִים (ווען עס קומט ניט אויס שַׁבָּת).

לג"ב. „ „ לַמֶּד גִּמֶל בָּעוֹמֶר, דיא 33־טע סְפִירָה.

יוב"ק. „ „ יום כִּפּוּר קָטָן, ערב ראֹשׁ חֹדֶשׁ (ווען מען פאַסט).

עיו"ט. „ „ ערב יום טוב, דער טאָג פאַר יום טוב. צב"ש: ערב פֶּסַח, ערב שָׁבוּעוֹת, ערב ראֹשׁ הַשָּׁנָה, ערב יום כִּפּוּר און ערב סֻכּוֹת, ערב פּוּרִים.

פה"ח,	„	„	פָּרָשָׁה הַחֹדֶשׁ,	אַזעלכע שַׁבָּתִים פאַר פֶּסַח,
פ"ז,	„	„	פָּרָשָׁה זָכוֹר,	
פ"פ.	„	„	פָּרָשָׁה פָּרָה,	
פ"ש	„	„	פָּרָשָׁה שְׁקָלִים.	

צו"ג, „ „ צוֹם גְּדַלְיָה, אַ תַּעֲנִית אויף מאָרגען נאָך ראֹשׁ הַשָּׁנָה.

סלי „ „ סְלִיחוֹת, מאָרגען געבעט, אונגיפֿער 8 טעג פאַר ראֹשׁ הַשָּׁנָה.

פ׳, „ „ פֶּסַח, זעה דאָס וואָרט יו"ט.

ר"ה, „ „ ראֹשׁ הַשָּׁנָה, זעה דאָס וואָרט יו"ט.

ר"ח, „ ראֹשׁ חֹדֶשׁ, דער ערשטער טאָג פון יעדער מאָנאַט.

חמעב"ש, „ „ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, דער 15־טער טאָג אין שְׁבָט; ראֹשׁ הַשָּׁנָה פֿייא דיא בוימער.

חנ׳, „ „ חֲנוּכָּה, אַכט טעג — פון 25־טען כִּסְלֵו 3־טען טֵבֵת.

עב"ט, „ „ עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, אַ תַּעֲנִית צעהן טעג אין טֵבֵת.

ש"ב. „ „ שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית, דער ערשטער שַׁבָּת נאָך סֻכּוֹת.

ש"ח, „ „ שַׁבָּת חֲזוֹן, דער שַׁבָּת פאַר תִּשְׁעָה בְּאָב.

שח"נ, „ „ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

ש"נ, „ „ שַׁבָּת נַחֲמוּ, דער שַׁבָּת נאָך תִּשְׁעָה בְּאָב.

ש"ת „ „ שַׁבָּת תְּשׁוּבָה, דער שַׁבָּת צווישען רה"ש און יו"כ.

שנ״ש , דָאס הֵייסְט— שַׁבָּת נָאךְ שְׁבוּעוֹת.
שיה״ג, . . שְׁלֹשָׁה יְמֵי הַגְבָּלָה, דִי דְרַיי טֶעג פַאר שְׁבוּעוֹת.
ש״ע, . . שְׁמִינִי עֲצֶרֶת , דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע טֶעג סֻכּוֹת.
ש״ש, . . שַׁבָּת שִׁירָה , דֶעם שַׁבָּת וָואס מֶען לֵייעֶנְט אִין דִי תּוֹרָה אָז יָשִׁיר.
שו״פ, . . שׁוּשַׁן פּוּרִים , אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ פּוּרִים.
ת״ב, . . תִּשְׁעָה בְּאָב , אַ תַּעֲנִית נַייעֶן טֶעג אִין אָב.

VI.

סְדְרוֹת אָדֶער פַּרְשׁוֹת.

בְּרֵאשִׁית	מִקֵּץ	תְּרוּמָה	מְצוֹרָע	שְׁלַח לְךָ	עֵקֶב
נֹחַ	וַיִּגַּשׁ	תְּצַוֶּה	אַחֲרֵי מוֹת	קֹרַח	רְאֵה
לֶךְ־לְךָ	וַיְחִי.	כִּי תִשָּׂא	קְדוֹשִׁים	חֻקַּת	שׁוֹפְטִים
וַיֵּרָא	שְׁמוֹת	וַיַּקְהֵל	אֱמוֹר	בָּלָק	תֵּצֵא
חַיֵּי שָׂרָה	וָאֵרָא	פְּקוּדֵי.	בְּהַר	פִּינְחָס	תָּבֹא
תּוֹלְדוֹת	בֹּא	וַיִּקְרָא	בְּחוּקוֹתַי.	מַטּוֹת	נִצָּבִים
וַיֵּצֵא	בְּשַׁלַּח	צַו	בַּמִּדְבָּר	מַסְעֵי.	וַיֵּלֶךְ
וַיִּשְׁלַח	יִתְרוֹ	שְׁמִינִי	נָשֹׂא	דְּבָרִים	הַאֲזִינוּ
וַיֵּשֶׁב	מִשְׁפָּטִים	תַזְרִיעַ	בְּהַעֲלֹתְךָ	וָאֶתְחַנַּן	וְזֹאת הַבְּרָכָה

אַנְמֶערְקוּנְג: אִין סַךְ־הַכֹּל אִיז דָא 54 סֶדְרוֹת. עֶס טְרֶעפְט אַז עֶס גֶעהֶען צְווֵיי סֶדְרוֹת צוּזַאמֶען. צב״ש: וַיַּקְהֵל־פְּקוּדֵי , תַזְרִיעַ־מְצוֹרָע , אַחֲרֵי־מוֹת־קְדוֹשִׁים , בְּהַר־בְּחוּקוֹתַי , מַטּוֹת־מַסְעֵי , נִצָּבִים־וַיֵּלֶךְ.

ה.

יוּדִישֶׁע בּוּכְשְׁטַאבֶּען אַלְס צִיפֶער.

א — אַלֶף , אֵיינְס , עֶרְשְׁטֶער.
ב — בֵּית , צְווֵיי , צְווֵייטֶער.
ג — גִּימֶל , דְרַיי , דְרִיטֶער.
ד — דָלֶת , פִיער , פִיערְטֶער.
ה — הֵא , פִינְף , פִינְפְטֶער.
ו — וָו , זֶעכְס , זֶעכְסְטֶער.

ז — זין, זיבען, זיבעטער.
ח — חית, אכט, אכטער.
ט — טית, ניינען, נייענטער.
י — יוד, צעהן, צעהנטער.
כ — כף, צוואנציג, צוואנציגסטער.
ל — למד, דרייסיג, דרייסיגטער.
מ — מם, פערציג, פערציגטער.
נ — נון, פונפציג, פונפציגטער.

ס — סמך, זעבציג, זעבציגסטער.
ע — עין, זיבעציג, זיבעציגסטער.
פ — פא, אכציג, אכציגסטער.
צ — צדי, נייענציג, נייענציגסטער.
ק — קוף, הונדערט, הונדערטטער.
ר — ריש, צוויא הונדערט — ער.
ש — שין, דרייא הונדערט — ער.
ת — תו, פיער הונדערט — ער.

אנמערקונג: ווען עס פאדערין זיך ניט קיין גלייכע צאהלין, צב"ש: עלף, דרייצעהן, פינף און צוואנציג, הונדערט דרייא א. ד. ג. לייגין זיך צו איינציגע צו דיא צעהנדליגע, הונדערטער און זא ווייטער:

עלף שרייבט מען — י"א | פינף און צוואנציג שרייבט מען — כ"ה
דרייצעהן „ „ — י"ג | הונדערט דרייא „ „ — ק"ג

צווישענד נייען הונדערט דרייא — אלף תתק"ג, אדער — א' תתק"ג.

ו.

ראשי־תבות.

אנמערקונג: פיל ווערטער מעהר בעקאנטע קומען פערקירצט, וויא אין אידיש, זא אויך אין העברייאיש, דיא מעהר נייטיגע וועט דער לעזער דא געפינען נאך דעם ארדנונג פון א"ב.

א"ה — אם ירצה השם, אז גאט וועט וועלין.
א"ס — אמן סלה, איממער וואהל.
אעפ"כ — אף על פי כן, חאטשי, אבוואהל.
א. ד. ג. — און דאס גלייכען.
א. ז. וו. — און זא ווייטער.
ב"ה — ברוך השם, געלויבט איז גאט.
בע"ה — בעזרת השם, מיט גאטעס הילף.
בעה"ב — בעל הבית, דערווירטה פון הויז.
בעוה"ר — בעונותינו הרבים, איבער אונזערע פיעל זינד.

ג״כ — גַם כֵּן, דָאס גְלֵייכֶען.
ג״ח — גְמִילוּת חֶסֶד, גֶעלְט לייהֶען (אָהְן פְּרָאצֶענְט).
ד. ה. — דָאס הֵייסְט.
ד. ז. — דָאס זֶעלְבֶּע.
ד״מ — דֶרֶךְ מָשָׁל, צוּם בֵּייא שְׁפִּיל.
דו״ש — דוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ, זַיין גְלִיק ווִינְשֶׁער.
ד״ת — דִין תּוֹרָה, אַנְ׳ אוֹיפְפָאדֶערוּנְג בֵּייא דֶעם רַב.
הבע״ל — הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. וָואס וֶועט זַיין מִיט גְלִיק.
הנ״ל — הַנִזְכָּר לְמַעְלָה, וָואס אִיז פְּרִיעֶר דֶערְמָאנְט, דֶער זֶעלְבִּיגֶער.
ז״ל — זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זַיין אַנְדֵיינְקוּנְג זָאל זַיין גֶיבֶּענְשְׁט
ח״ו — חַס וְשָׁלוֹם, בֶּעהִיטֶע גָאט.
חו״נ — חָכָם וְנָבוֹן, קְלוּג אוּן פֶערְשְׁטֶעהֶנְדִיג.
חו״ש — חַיִים וְשָׁלוֹם, לֶעבֶּען אוּן פְרִיעֶדֶען.
ח״י — חֲתִימַת יָדִי, מַיין אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט.
ח״מ — חָתוּם מַטָה, אוּנְטֶען גֶעשְׁרִיבֶּענֶער.
טו״מ — טַעֲנָה וּמַעֲנָה, אִיבֶּער רֵייד, פְּרֶעטֶענְסִיֶע.
כו״כ — כַּךְ וְכַךְ, זָא אוּן זָא.
כמ״כ — כְּמוֹ כֵן, דָאס גְלֵייכֶען.
כש״כ — כָּל שֶׁכֵּן, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדִיג.
כש״ת — כְּבוֹד שְׁמוֹ תִּפְאַרְתּוֹ, זַיין גֶעעֶהְרְטֶער שֵׁיינֶער נָאמֶען.
למה״ש — לְמַעַן הַשֵׁם, אוּם גָאטְ׳ס ווִילֶען.
לע״ע — לְעֵת עַתָּה. דֶער ווַיילֶע.
מכ״ז — מֵבִיא כְּתַב זֶה, דֶער אִיבֶּערְגֶעבֶּער פוּן בְּרִיעף.
מ״נ — מַה נַפְשְׁךָ, וִויא דִיר פַּאסְט.
נ״י — נֵרוֹ יָאִיר. עֶר זָאל לֶעבֶּען זַיין לִיכְט זָאל לַייכְטֶען)
נ״נ — נַאכְנַאהְמֶע,
ס״ה — סַךְ הַכֹּל, דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע שׁוּרָה, אִין גַאנְצֶען (דִיא סוּמֶע
ע״כ — עַל כֵּן, אַלְזָא, דַארוּם.
ענ״נ — עַגְמַת נֶפֶשׁ, פֶערְדְרוּס.
עש״ז — עִם שְׁלוֹם זוּגָתוֹ, עֶט פְּרוּיא, גֶערִיסֶענְד דִיא פְרוֹי
פא״פ — פָּנִים אֶל פָּנִים, פֶערְזֶענְלִיךְ.
ק״ק — קְהִלָּה קְדוֹשָׁה, אַשֵׁיינֶע שְׁטָאדְט
פ״צ — פְּרָאצֶענְט.
ר״ל — רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הִיטֶע גָאט!

ש"ב — שְׁאֵר בָּשָׂר, פְֿרַיינְד, נָאהֶענְטֶער קָרוֹב.
תומ"י — תָּכֵף וּמִיַד, זָא פָֿארְט, גְלַייךְ.
מנב"ת — מִנָּשִׁים בָּאֹהֶל תְּבֹרָךְ, דִיא בֶּעסְטֶע אוּנְטֶער פְֿרוֹיֶען.
פ"ש — פְּרִישַׁת שָׁלוֹם, אַגְרוּס.
שט"ח — שְׁטַר חוֹב, אשׁוּלְד (וֶועכְּסִיל) צֶעטִיל.

ז.

טִיטְלֶען צוּא בְּרִיעף.

אִין שְׁרַייבֶּען וִויא אִין רֵיידֶען מוּז יֶעדֶער מֶענְשׁ זֶעהֶען וָואס הֶעפְֿלִיכֶער אוּים צוּא דְרֶיקֶען זִיךְ. מֶען מוּז יֶעדֶערִין, צוּא וֶועמֶען מֶען שְׁרַייבְּט, אָבּ גֶעבִּין זַיין כָּבוֹד אִין אַנְפַֿאנְג בְּרִיעף ד. ה. אָנְרוּפֶֿען אִים מִיט זַיין טִיטֶעל. דֶעם טִיטֶעל שְׁרַייבְּט מֶען וָואס קִירְצֶער. זָאגַאר אִין זְשַׁארְגָאנִישֶׁע בְּרִיעף שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם טִיטֶעל אוֹיף הֶעבְּרֵייאִישׁ. נָאךְ דֶעם טִיטֶעל קוּמְט אַ אוּיס שְׁרַייא צֵייכֶען.

צוּא אַ פָֿאטֶער: לְאָבִי יַקִּירִי! אָבִי מַחְמַדִּי! טְהַייעֶרְסְטֶער פָֿאטֶער! לִיעבֶּער פָֿאטֶער!
" " מוּטְטֶער: לְאִמִּי הַיְקָרָה! אִמִּי הָעֲדִינָה! טְהַייעֶרְסְטֶע מוּטְטֶער! גֶעעֶהְרְטֶעסְטֶע מוּטְטֶער!
" " זֵיידֶען: כְּבוֹד אָבִי זְקֵנִי! גֶעעֶהְרְטֶעסְטֶער גְרָאסְפַֿאטֶער!
" " בָּאבֶּען: כְּבוֹד אִמִּי זְקֵנָתִי! גֶעעֶהְרְטֶעסְטֶע גְרָאסְמוּטְטֶער!
" " בְּרוּדֶער: לְאָחִי אֲהוּבִי! גֶעלִיבְּטֶער בְּרוּדֶער!
" " שְׁוֶועסְטֶער: לַאֲחוֹתִי אֲהוּבָתִי! גֶעלִיעבְּטֶע שְׁוֶועסְטֶער!
" " פֶֿעטֶער: לְדוֹדִי רָם הָעֵרֶךְ! הָאכְגֶעשֶׁעצְטֶער אָנְקֶעל!
" " מוּמֶע: לְדוֹדָתִי הַכְּבוּדָה! גֶעשֶׁעצְטֶע טַאנְטֶע!
" " שְׁוָואגֶער: גִּיסִי כְּאָח לִי! שְׁוָואגֶער־בְּרוּדֶער!
" " שְׁוֶועגֶערִין: גִּיסָה כְּאָחוֹת לִי! שְׁוֶועסְטֶער־שְׁוֶועגֶערִין!
" " פְּלִימֶענִיק: לְבֶן אָחִי אָדֶער אֲחוֹתִי! בֶּעסְטֶער פְּלִימֶענִיק!
" " פְּלִימֶענִיצֶע: לְבַת אָחִי אָדֶער אֲחוֹתִי! בֶּעסְטֶע פְּלִימֶענִיצֶע!
" " אֵיינִיקִיל: נֶכְדִּי / אֲהוּבִי } " אָדֶער נֶכְדָּתִי! / אֲהוּבָתִי } פִֿיעל { גֶעלִיעבְּטֶער / גֶעלִיעבְּטֶע } אֵיינִיקִיל!

צו אַ זאָהן :	בְּנִי מַחְמַד לְבָבִי ! הערצענס געליעבטער זאָהן !
„ „ טאָכטער :	בִּתִּי חֶמְדַת לְבָבִי ! הערצענס געליעבטע טאָכטער !
„ „ אֵיידעם :	חֲתָנִי הַיָּקָר לִי כְּבֵן ! היים געליעבטער שוויגערזאָהן !
„ „ שנור :	כַּלָּתִי הַיְקָרָה לִי כְּבַת ! היים געליעבטע שוויגערטאָכטער !
„ „ גישוועסטערקינדר :	לְבֶן דּוֹדִי, אָדער דוֹדָתִי הַיָּקָר ! טהייערסטער קוזין !
„ „ „ „	לְבַת דּוֹדִי , אָדער דוֹדָתִי הַיְקָרָה ! טהייערסטע קוזינע !
„ „ כַּלָּה :	דער זעלביגער טיטעל ווי צו אַ געליעבטע ...
„ „ חָתָן :	„ „ „ „ „ „ „ געליעבטען ...
„ „ פְרוֹי :	לְרַעְיָתִי הַיְקָרָה לִי מִכֹּל ! אַללער טהייערסטע געמאַהלין !
„ „ מאַנן :	לְאִישִׁי הַיָּקָר לִי מִכֹּל ; אַללער טהייערסטער געמאַהל !
„ „ געליעבטע :	אָשְׁרִי , עָשְׁרִי וּמִקְדָּשִׁי ! מיין גליק , מיין רייכטהום און מיין היילינקייט !
„ „ געליעבטען :	דעם זעלביגען טיטעל וואס ער שרייבט ...
„ „ קָרוֹב :	שְׁאֵר בְּשָׂרִי הַיָּקָר ! טהייערסטער פריינד !
„ „ גוטען פריינד :	רֵעִי כְּנַפְשִׁי ! בעסטער פריינד !
„ „ פריינדין :	רְעוּתִי אֲהוּבָתִי ! געליעבטע פריינדין !
„ „ רייכען קָרוֹב :	וואס מעהר גוטע טיטלען ...
„ „ גיאַכטען מענשין :	כְּבוֹד הָאִישׁ הַדָּגוּל מֵרְבָבָה ! פיעל געעהרטער העררר !
„ „ רַב :	כְּבוֹד הָרַב הַמָּאוֹר הַגָּדוֹל האבּ"ד דק"ק ...
„ „ אונבעקאַנטען :	אָדוֹן נִכְבָּד ! ווערטהעסטער העדר !

ח.

גייטיגע ווערטער.

וואס מיט אַ פעדער געשריבען
איז אויף אייביג געבליבען...

אַ שפּריכוואָרט.

דאַס שרייבען האט אין זיך פיעל מַעֲלוֹת און אויך פיעל חֶסְרוֹנוֹת, אַלְזאָ געפין איך בּיי מיין ערנסטען ווילען צו

ברייגגען מיט דאס בוך אללעמען נוטצען) פאר נייטיג צוא בעקאנט מאכען דיע לעזער און לעזערינען וויא מיט דיא מעלות פון שרייבען אזויא אויך מיט דיא חסרונות ; אום זייא זאלען האבען דיא מעגליכקייט נור דאס גוטעס פון שרייבען אוים צוא ניטצען.

דאס זיינען דיא מעלות פון שרייבען :

1 דאס געשריבענע בלייבט אויף אייביג.
2 דאס געשריבענע קען ברייגגען נוטצען אויך פון ווייטען.
3 דאס געשריבענע קען זיין בעססער בעארבייטעט וויא דאס רעדען.
4 דאס געשריבענע קען מען ווידערהאלען.
5 פון א געשריבענע זאך קען מען זיך ניט אב זאגען.
6 א געשריבענע זאך קען דינען אלס צייגע (עדות).
7 אויב דאס רעדען איז גוט נור פאר זיך, איז דאס שרייבען גוט אויך פאר דעם צווייטען ; אויב דאס רעדען איז נור פאר דעם צווייטען, איז דער שרייבען אויך גוט פאר זיך.
8 פיין שרייבען קען ערהייבען יעדער מענש, פיין רעדען – ניט אללע.
9 שרייבען קען א מענש זאגאר איבער אזעלכע זאכען וואס רעדען װעגען זייא וואלט ער ניט קענען.
10 אוים שרייבען קען מען אויך וואס עס איז ניט אנגענעם אוים צוא רעדען.

דאס זיינען דיא חסרונות פון שרייבען :

1 דאס געשריבענע בלייבט אויף אייביג.
2 דאס געשריבענע קען ברייגגען שאדען אויך פון ווייטען.
3 דאס געשריבענע קען אן קומען ניט צוא וועמען מען דארף.
4 דאס געשריבענע קען מען ווידערהאלען אין גאנצען אויך קאפיערען.
5 פון א געשריבענע זאך קען מען זיך ניט אב זאגען.
6 א געשריבענע זאך קען דינען אלס צייגע (עדות).
7 אויב רעדען שלעכט קען שאדען זיך, קען דאס שרייבען שאדען אויך דעם צווייטען ; אויב רעדען שלעכט קען שאדען דעם צווייטען, קען שלעכט שרייבען מעהר שאדען זיך.
8 פיין שרייבען קען יעדער מענש.

9 שרייבען קען א מענש וואגאר איבער אזעלכע זאכען, וואס רעדען וועגען זיי וואלט ער ניט קענען.

10 דאס געשריבענע קען מען צוריק ניט נעמען.

אלזא, געערטע לעזער און לעזערינען, מוז מען מיט דאס שרייבען זעהר פארזיכטיג זיין. „צעהען מאהל לייען דורך דיין בריעף"— זאגט א פראקטישער שפריכווארט — „און איין מאהל שיק אים אוועק". ווער עס ווייס ניט ווי מיט דאס שרייבען צו בעגעהן זיך, ביי דעם ווערין די מעלות פון שרייבען חסרונות, ער האט נאכער חרטה; אבער ניט אלע מאל העלפט חרטה... דער פעדער איז נור א שליח, וואס מען גיט עס דאס טראגט ער אוועק.

פראקטישע מענשין לאזין ביי זיך א קאפיע פון די איינענע בריעף, און היטען פרעמדע בריעף ביז א יאהר, אויב זיי זיינען ניט גאנץ נייטיגע; נייטיגע בריעף היטען זיי ביז צעהען יאהר.

עס איז ניט אנגענעם צו הערען אז איינער רעדט איבער איין ווארט אייניגע מאהל, אין שרייבען איז דאס נאך קענטיקער, און דאס מאכט זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק אויף דעם לעזער.

א בריעף מוז זיין געשריבען: ריין, שיין און וואס קירצער, אין אנפאנג בריעף דארף זיין געשריבען דער נאמען פון די שטאדט און דער יאהר, מאנאט און דאטום אין וועלכע דאס בריעף איז געשריבען. —

א.

פאמיליען בריעף.

1.

פון א פאטער צוא א זאהן.

אן מיין ליעבען זאהן!

שוין צייט איינינע וואכען אז איך האב פון דיר קיין בריעף ערהאלטען; מיר טהוט זעהער לייד וואס איך דארף דיר אפט דערמאנען אז דוא האסט א פאטער, וועלכער וויל וויססען אללעס וואס מיט דיר איז און ווארט מיט דיא גרעסטע אונגעדולט אויף דיין שרייבען. שוין זעשע האב איך, מיין ליעבער זאהן, ניט פערדינט ביי דיר דוא זאלסט מיר אין זינען האלטען און אויפמערקזאמקייט שיינקען? איך וויל און קען בשום אופן ניט גלויבען אז דיא אורזאכע פון דיין שטיל שווייגען איז נאר דאס וואס דיר איז אהן עין־הרע גאנץ גוט און דארפסט ניט מיין לאסקע... דארף דען א פאטער נאר צרות האבען פון קינדער? פערלירט דען א פאטער דאס פאטער־רעכט אז מען דארף זיין טובה ניט? גיין, מיין זאהן, דאס איז ניט ריכטיג! דוא טהוסט אומרעכט מיט דעם וואס דוא פערשאפסט ניט מיר, דיין דיך ליעבענדען פאטער, דעם פערגעניגען א טהייל צוא געהמען פון נחת ביי א קינד, וואס דאס איז דער שטענדיגער פערלאנג פון אללע עלטערין און אויך דער וואונש פון מיר

דיין פאטער חיים שטיינבערג.

2.

אנטוואָרט.

טהייערסטער און פיעל געליעבטער פאטער!

דיין ווערטהין שרייבען האב איך ערהאלטען. דיינע פארוויר́פע איז ריכטיג – איך בין אומגערעכט געגען דיר, בעסטער פאטער! איך קען זיך פערענטפערין נור דער מיט דאס מיינע פיעלע געשעפטין ברייגען מיש דאס איך פערגעס צייטין נויים וועגען זיך זעלבסט אויך. דאס איז אבער פאר דיר קיין תירוץ ניט, און איך בעט דיר ליעבער פאטער מיר דעם מאהל ענטשולדיגען; דאס וועט מעהר ניט פארקומען: דאס שרייבען צוא דיר וועט בייא מיר זיין פון מיינע ערשטע און הייליגסטע פפליכטען.

איך האף אז דו וועסט פערצייען דיין שולדיגען זאהן, וועלכער איז דיר איבערגעבען מיט דעם גאנצען הארצען

אברהם שטיינבערג.

3.

אזאהן צוא אפאטער.

אבי מחמדי!

דיין בריעף, אין וועלכין דו שרייבסט וועגען דיין קראנק הייט, האט מיר פיעל שמערצין פערשאפט. וויא אזויא האסטו דאס מיר גלייך ניט געשריבען? איך וואלט אומגעזאמט צוא דיר געקומען אום דיר ארום צוא זעהען, צוא שאפען דיר אללעס וואס עס האט זיך געפאדערט און צוא זיטצען נעבען דיר דיא גאנצע צייט. איך בין דעם גאנצען טאג אויסער זיך פון ערגערניס.

אדאנק גאטט וואס דוא ביזט איצט בעסער, און דיא דאקטוירים זאגען אז דוא וועסט אי"ה פאלקאם געזונד ווערין.

גאטט זאל דיר שיינקען געזונד און לאנגע יאהרען דו זאלסט פון דיינע קינדער נחת האבען און אויך פון מיר דיין דיר שעצענדער זאהן

פנחס גילבא

4.

עלטערין צוא א זאהן.

ליעבער זאהן שלמה!

דיין בריעף האט אונז קיין פערגעניגען ניט פערשאפט. מיין ניט אז מיר האבען פון דיר וואס אנדערעס ערוואַרטעט — מיר האבען דאך דיר אללע מאהל געזאגט אז דאס וועט זיין דער סוף פון דיינע זוכענעס. דוא האסט זיך אויס גיבראכט צייט און אונז — געזונד! נאך וואס ביזטו געלאפען? פעהלט דיר דען וואס אין דער היים בייא דיינע עלטערין אדער מיר גייטיגען זיך אין דיין פערדינסט? מיר האבען דיר אימער געזאגט: זיטץ אין דער היים, לערין קענטעניסע, קוק זיך צוא צום געשעפט און וואַרף אַרויס פון קאפ דיא פאנטאזיע וועגען פארדינגען, וועלבסט שטענדיגקייט און פרייא לעבען, דיא האסט זיך אבער איין געעקשנ'ט גיין פאהרען; נו, וואס זאגסטו יעצט? דוא פערזאגסט שוין, ראכט זיך, א צעהענטין. אונז וואונדערט נאר וויא ביזטו אזויא נארריש און פרעגסט נאך יעטצט „וואו דוא זאלסט זיך ווענדין און וואס דוא זאלסט טהון", קום אהיים, צוא דיינע עלטערין, ווענדע זיך און וואס זייא זאגען דיר דאס זאלסטו טהון. מיר שיקען דיר אין בריעף פופצעהן רובל אויף דיינע קאסטען און גענוג זיך נארריש מאכען.

דיינע עלטערין עזריאל און טויבע פאזען

5.
א טאכטער צוא א מוטטער.

טהייערסטע מוטטער!

איך קלייב זיך דיר שרייבען שוין פון עטליכע וואכען, און עס קומט אלץ ניט אויס — איך בין שטענדיג בעשעפטיגט אין הויז — וויא מיט קליינע קינדערלעך. און קען זיך קיין צייט ניט נעהמען צו שרייבען. וואס מאכסטו, ליעבע מוטטער, און וויא לעבסטו? איך בעט נאר שטענדיג גאט עס זאל זיך מאכען פאר חיה'לען א גוטער שידוך. דאנן וואלט איך דיר אין גאנצען צוא זיך צוגענומען. ביא מיר וואלט דיר פון קיין זאך ניט פעהלין. איך בין ניט קיין גביר'טע, אבער איך לעב דאנקען גאטט רוהיג און גוט. מיין מאנן, זאל לעבען, פער־דינט וויא פיעל מיר ברויכען און איך שפאר נאך אב ארוביל; מיר זיינען ח"ו קיינעם ניט שולדיג, אנ' אייגענעם הויז אפיינע וועלכע טראגט דינגעלט. שיינע געראטענע קינדערלעך זאלין געזונד זיין — און וואס דארף א מענש נאך?

שיקען דיר מיינע ברידער אויך פינקטליך פון אמעריקא אללע חדש? שרייבען זיי דיר אפט? איך האב שוין לאנג פון זייא קיין בריעף ניט געהאט.

דיין טאכטער וואס טראכט שטענדיג וועגן דיר
ראזע פערילשטיין.

6.
אנטווארט

ליעבע גוטע טאכטער!

ד..ינע גוטע בריעף ווירקען אויף מיר וויא דער בעסטער הייל·

מיטעל. דעם טאג וואס איך ערהאלט פון דיר א בריעף בין איך געזונד און פריש, גאט זאל דיר דערפאר געבען וואס דו ווינשט זיך אליין.

איך קען דיר אויך א פרעהליכע נייעס שרייבען מען רעדט תיה'לען נאר א פיינעם שידוך, זי האט זיך געזעהען מיט דעם חתן און עס ניפעלט ביידען. אז מיר וועלען אי"ה מיט אלעם די זאך ארדנען וועלין מיר אייך, ד. ה. דיר מיט דיין ליעבען מאן אויף תנאים מיט מזל בעטין. איך האב היינט וועגין דעם געשריבען די קינדער אין אמעריקא. זיי זיינען זעהער פינקטליך מיט זייער געלט שיקען; עס געהט נאך א טאג ניט אריבער — פונקט צום חדש. גאט זאל אייך, ליעבע קינדערלעך, אלעמען צושיקען אלעס וואס איר בעדארפט און איך זאל אויף מיינע עלטערע יארען פון אייך אלעמען נחת האבען-אמן.

איך גערים הערצליך דיין מאן און די קינדערלעך, זייט אלע געזונד און גליקליך.

אייער מוטער חנה מאלקין.

7.

א ברודער צו א שוועסטער.

טהייערסטע שוועסטער און שוואגער!

שוין צוויי מאנאטין איז אוועק זינד איך האב אייך געשריבען, איר זייט געווים אונרוהיג געוועזען פון מיין שטיל שווייגען, דען איר זייט געוואהנט פון מיר אפטע בריעף צו בעקומען. אלזא בערוהיג איך אייך יעצט און ערקלעהר אייך אז די אורזאכע פון מיין ניט שרייבען איז געוועזען מיין קראנקהייט — איך בין דריי וואכען צו בעט געלעגען אין זעהער א שווערע קראנקהייט, די דאקטוירים האבען שוין געהאט מיר ענטזאגט... נאר גאט האט מיר געהיילט און דא האט איר א צייגע דאס איך שרייב אייך איינגעהענדיג דיזען בריעף.

שרייבט מיר וואס איז ביי אייך פארגעקומען פאר דיא
פאר מאנאטען, פון אייערע געשעפטין אונ פון אללעס וואס
עס איז נייגעריג צו וויסען.

אייער ברודער אדאלף בלומענטאהל

8.

אנטווארט.

בעסטער אונ טהייערסטער ברודער אדאלף!

דו קאנסט זיך גאר ניט פארשטעלין וויא דיין בריעף האט אונז אללעמען דערפרייט. וויא מיר האבען דערזעהען דעם פאסט-שטעמפעל „וויטעבסק" איז אונז ליכטיג געווארען אין דיא אויגען לעזענדיג דיין איינגענהענדיגע אדרעססע. געלויבט איז גאט וואס האט דיר גערעטעט און אויף געהויבען פון אזא בעט. מיין ניט, ליעבער ברודער, אז מיר האבען פון דיין קראנקהייט ניט געוואוסט; מען האט אונס פון אללעס געשריבען וויא דער געפאהר איז אריבער. עס האט אונז גענוג געזונד געקאסט, נאר מיר זייען יעטצט איבער גליקליך מיט דיין בעססערונג. שטריינג זיך ניט אן מיט קיין זאך, היט שטריינג דיא דיעטא, לאז אללעס ארויס פון זינען אונ ווער נאר פאלקאם געזונד. איך האף אין פערלויף פון איניגע וואכען וועלין מיר זיך זעהען... זייא געזונד וויא דיר וינשט

דיין שוואגער און שוועסטער

סאלאמאן אין סאניע גאלדפארב.

9.

אשוועסטער צו אברודער.

פיעלגעליבטער ברודער יאזעף!

וויא עס איז צו שליסען פון דיין ניט שרייבען האסטו אן אונז גאר פארגעסין אונ דערמאהנסט זיך גאר ניט אויף דיינע שוועסטער אונ

ברידער. וואס איז דאס מיט דיר געווארען? דו פלעגסט דאך אונז פאר ווארפען מיט בריעף אונ פלעגסט פון אונז מאנען דיר וואס אפטער צו שרייבען, אונ יעצט? יעצט האסטו גאר אויף געהערט צו שרייבען, אויף געהערט צו אינטערעסירען זיך וועגין אונז דיינע שוועסטער אונ ברידער, ביי וועלכע דו ביסט אנשטאט א פאטער אונ ביי וועלכע דו ביסט דיא איינציגע טרייסט אין דיא שלעכטע צייט...

דו האסט דאך פערשפראכען אונזערע עלטערין ע״ה אז דו אלס עלטערער ברודער וועסט פאר אונז זארגען, דו וועסט אונז וויא א פאטער זיין; אונ יעצט ווייזט דאס זיך גאר ניט ארויס. איך גלויב ניט, איך קען ניט אונ וויל ניט גלויבען דאס זאל אהן א אורזאכע זיין. מיין הארץ זאגט מיר אז עס איז וואס אונגעוואהנליכעס ביי דיר אין הויז געשעהען, ווען ניט וואלט אזויא ניט געוועזן — דוא וואלסט אונז ניט פערלאזען!

אלזא, טהייערער ברודער, לאז אונז ניט לאנג קוועלען זיך שרייב אונז גלייך וואס מיט דיר איז; בערוהיג וואס גיכער דיינע אונרוהיגע פער׳צרה׳טע שוועסטער אונ ברידער, וועלכע זיינען אויסער זיך

דיין שוועסטער ביילא פעלטענשטיין.

10.

אנטוואָרט.

ליעבע גוטע שוועסטער!

איך האב ניט קיין ווערטער מיט וואס זיך צו פערטהיידיגען — איך בין ווירקליך אונגערעכט געגען אייך אללעמען. איך בין ניט נאר שולדיג נאר איך זעהער זינדיג געגען אייך אונ געגען מיין געוויסען, אונ איך קען זיך דאס ניט פערצייהען. דוא האסט אבער ריכטיג געשריבען ליעבע שוועסטער, אז עס איז געוויס א וועלכע אורזאכע דער ביי. יא, עס איז געוועזן א אורזאכע און א וויכטיגע! איך האב אבגעברענט, געהאט פיעל שאדען און שרעק, נאר געלויבט איז גאטט דער פאר — עס האט געקאנט נאך ערגער זיין. יעטצט איז עס שוין א ביסיל געארדנעט: איך האב געדונגען א וואהנונג ביז איך וועל זיך אב־בויען; מען האט מיר אב געצאלט פייער־קאססע (סטראחאוועקע) און מיר זיינען שוין האלב בערוהיגט.

וואס אן איך געהער, ליעבע שוועסטער, שווער איך דיר ביי

אללעס היילינעס אז איך פערגעס אייך ניט און קען אייך ניט פערגעסען.
גיעב דאס איבער אונזערע ליעבע שוועסטער און ברידער אין דעם
נאמען פון מיר אייער ברודער

יאזעף פעלטענשטיין.

11.

בערטהע מאלקין צוא איהר זאהן.

ליעבע גוטער זאהן מיינער

דיא נאכריכט וועלכע איך האב פון מיין ברודער דיין
אנקעל וועגין דיר באקומען האט מיר וויא אדאנער געשלאגען.
וויא קומט עס צו דיר, מיין קינד, אזא דומהייט, אזא לייכט-
זיניגקייט צו ווארפען דעם לערנען און אוועק לאזען זיך אין
שלעכטע געזעלשאפט?! פאסט עס פאר דיר, פאר אקינד
פון אנשטענדיגע עלטערין? פאר אקינד וואס דיא עלטערין
אפפערין זיך פאר איהם און זעהן מיט דיא לעצטע קרעפטין
צו בילדען איהם און פאר אמענשין צוא מאכען. ניין, מיין
זאהן, איך וועל ניט און קען דאס ניט גלויבען! לאז אוועק
דיא געזעלשאפט, זייא געהארכזאם דיין גוטען אנקעל, לערין
פלייסיג און זעה אז דיע מיהע דיינע און אונזערע זאל אנגע-
ליינט זיין, אז דוא זאלסט אמענש ווערין צוא גאט און צוא
לייטען אויף נחת פאר דיינע דיר ליעבענדע עלטערין.

דיין מוטטער בערטהע מאלקין

12.

אַנְטְוָוארְט.

לִיעבֶּע גוּטֶע מוּטְטֶער מַיינֶע!

דיין בְּרִיעף הָאט מִיר וִויא פוּן שְׁלָאף אוֹיפְגִיוֶועקְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ ארוּם גִיזֶעהֶען אַז אִיךְ הָאבּ ווִירְקְלִיךְ גֶענוּמֶען בְּלַאנְזֶען, אַז נִיט אַזוֹיא בּארְף זִיךְ אוֹיפְפִיהְרֶען אַ יוּנְגֶער מֶענְשׁ און אַ קִינְד פוּן שֵׁיינֶע עֶלְטֶערִין. גְלוֹיבּ מִיר, לִיעבֶּע מוּטְטֶער, אַז עֶס אִיז נוּר גִיוֶועזֶען אַ פֶערְפִיהְרֶענִישׁ, אַ פֶערְבְּלֶענְדֶענִים אוֹיף מִיר; עֶס אִיז בֶּעשֶׁערְט גִיוֶועזֶען דוּא זָאלְסְט פֶערְדְרוּסְס הָאבֶּען! אִיךְ זָאג דִיר צוּא, טְהַייעֶרְסְטֶע מוּטְטֶער, אַז אִיךְ וֶועל פוּן הַיינְט אָן גוּט אוּן גֶעהָארְכְזַאם זַיין, אִיךְ וֶועל וַוארְפֶען דִיא גַאנְצֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְט און וֶועל וִויא גֶעוֶועזֶען זִיךְ מִיט פְלַייס פַארְ'ן לֶערְנֶען נֶעהְמֶען, אוּן וֶועל מַיין גוּטֶען אָנְקֶעל גֶעהָארְכְזַאם זַיין. אִיךְ וַוייס אוּן פִיהְל אַז עֶר מֵיינְט נָאר מַיין טוֹבָה אוּן אַז עֶר זָארְגְט פַאר מִיר וִויא פַאר אַנ׳ אֵייגֶען קִינְד.

בֶּערוּהִיג זִיךְ, מוּטְטֶער מַיינֶע! אִיךְ בִּין צוּרִיק וִויא בִּיז יֶעטְצְט דַיין לִיעבֶּענְדֶער אוּן גֶעהָארְכְזַאמֶער זָאהְן.

בָּארִים מַאלְקִין.

13.

אַ מוּטְטֶער צוּ אַ טָאכְטֶער.

טְהַייעֶרֶע לִיעבֶּע טָאכְטֶער מַיינֶע!

עֶס אִיז שׁוֹין פָארְאִיבֶּער 15 יָאהְר צַייט דוּא בִּיזְט פוּן אוּנְז אַוֶועק גִיפָאהְרֶען. אוּנְטֶער דֶער צַייט הָאט זִיךְ פִיעל אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען: פוּן קְלֵיין אִיז גֶעוָוארֶען גְרוֹיס, פוּן גְרוֹיס — אַלְט, פוּן אָרֶעם — רַייךְ, אוּן פוּן רַייךְ — אָרֶעם. עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ פִיעל אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען אִין אוּנְזֶער הוֹיז — נִיטָא וָואס אַמָאל אִיז גֶעוֶועזֶען! אוּנְזֶער הוֹיז אִיז שׁוֹין נִיט מֶעהְר אַ פַּרְנָסָה־

הויז, עס איז ניט מעהר אַזאַ לעבענס פּונקט ווי געוועזען. עס איז שטיל — ניטאָ קיין געררויש, ניטאָ קיין פּרנסה! ...

מיר ביידע, ד. ה. איך מיט דיין אַלטען פאָטער, וואָלטען נאָך ווי עס איז דורכשלאָגען זיך, וואָרום ווי פיעל דאַרפען מיר אין גאַנצען; אָבער מיר האָבען דאָך נאָך ביי זיך אַקינד, אונזער לעצטע קינד דיין אינגסטע שוועסטער. זי איז דאָך שוין אַגרויסע מיידיל, זי דאַרף האָבען אין וואָס אַרויסצוגעהן, און עס איז שוין צייט איהר צו לייטען צו ברייגגען ...

אַלזאָ, ליעבע טאָכטער, ווענדין מיר זיך צו דיר; דו ביזט די איינציגע אין אונזער פאַמיליע וואָס קענסט דער צו בעהילפיג זיין. נעהם זיך צום האַרצען די לאַגע פון דיין אָרימע שוועסטער, העלף איהר ווי ווייט דו קענסט און גאָט וועט דיר דערפאַר העלפען ווי דו ווינשט זיך אַליין,

דיין מוטער וואָס ערוואַרטעט דיין ענטפער
חנה פעהלטגעלט.

14.

אַנטוואָרט

טהייערסטע מוטער.

דיין בריעף האָט אויף מיר זעהער אַ שלעכטען אַנדרוק געמאַכט. האַלסטו מיר דען אַזוי שלעכט אַז דו שרייבסט מיר אַזאַ תחנונים'דיגען בריעף? ווייס איך דען ניט אייער צושטאַנד? שטיינער איך איך ניט ווי נאָר מיגליך איז? איך האָב דאָך אייך איינינע מאָל געשריבען אַז מיין שוועסטער זאָל צו מיר נאָך פעטערבורג קומען, אַז איך נעהם איהר אָב פון אייך און וועל פאַר איהר זאָרגען? וואָס זשע דאַרפסטו אַזוי נידעריג מאַכען זיך מיט דיין שרייבען? איך שיק דיר דאָ אַנ'אַנווייזונג אין איקס

קאנטאר דוא ווערסט דארטען גלייך דאס געלד בעקומען. נייא אויף מיין שוועסטער א קאסטיום, אין וועלכין זיא זאל קענען צו מיר קומען, און פערלאז זיך אויף מיר — עס וועט איהר ניט פעהלין קיין זאך.

דיין טאכטער לינא בערענשטיין.

1[illegible].

א פאטער צוא א זאהן.

גוטער טרייער זאהן מיינער!

איך האב דיר שוין לאנג דיזען בריעף געוואלט שרייבען, עס איז מיר אבער שווער געוועזן. יעטצט קען איך שוין מעהר ניט ווארטען און שרייב דאך. דוא האסט זיך גאר אן דיין אלטען פאטער פערגעסין, אבוואהל דיין אלטער פאטער האט אויסער דיר קיינעם ניט ווער עס זאל איהם בעהילפיג זיין אין זיין נויט. דוא האסט פארגעסין אז דער פאטער דיינער, וועלכער האט פאר דיר מעהר וויא פאר זיך געזארגט איז אלט און ארעם און מוז אן קומען צוא דיר אום זיין לעבען צוא דערהאלטען. דוא פערגעסט אז אלטע מענשין כל זמן זייא לעבען ווילען זייא עסען פונקט וויא יונגע... ווען דוא וואלסט דאס ניט פארגעסין וואלסטו דאך ווען דיין אלטען פאטער געשריבען און געשטיצט איהם וויא ווייט דיין מיגליכקייט איז.

עס איז ניט גוט ווען מען דארף אנקומען צוא פרעמדע, עס איז אבער נאך ערגער אז קינדער צוא וועלכע מען דארף אנקומען פארפרעמדין זיך פון זייערע עלטערין... איך האב שוין אלם אויספערקויפט נאר צוא קיינעם ניט אן צוקומען, איך האב אבער מעהר ניט וואס צוא פארקויפען.

בּעטראכט מיין זאהן, די לאגע פון מיר דיין אלטע אָרימען פּאטער, וואס איז דער צו נאך עלענד אויך

עזריאל פּאזען.

16.

אַנטוואָרט.

אָבי יקירי ומחמדי !

איך בין אויסער זיך פון דיין בריעף פון וועלכען איך זעה ווי שלעכט דיר איז, און נאך מעהר פון דעם וואס דו האסט אַ פּרעטענזיע צו מיר. איך האב א מרעכט וואס איך שרייב צו דיר זעהער זעלטין, אבוואהל איך בין שטענדיג פערדרעהט אין געשעפט, וועלכער געהט, ווי אַללעמען די לעצטע צייט, ניט אַם בעסטען. דאס איז ריכטיג; אָבער קענסטו מיר דען בעשולדיגען פאר וואס איך שטיץ דיר ניט, אַז דו האסט מיר קיין מאהל ניט געשריבען אַז דיר פעהלט? בין איך דען אַנביא? קען איך וואהנענדיג אין פּאָלטאַווע, וויסען אַז דו, ליעבער פאטער, ליידסט נויט אין קיעוו? יעטצט אַז איך וייס שיק איך דיר גלייך 50 רובל, און זאג דיר צו מאנאטליך שטיצע צו שיקען אום דיר זאל ח״ו גאר נישט פעהלען. און דו, ליעבער פאטער, זאלסט ניט קאַרגען, עס איז טרינק וואס דיין הארץ געלוסט.

דיין זאהן שלמה פּאזען.

17.

אַ ברודער צו אַ ברודער.

טהייערסטער ברודער !

עס איז שוין אַ לאנגע צייט פאראיבער זינד מיר האבען אויפגעהערט דורך שרייבען זיך. די אורזאכע דער פון

וויים איך ניט און גלויב אַז דוא דאָס גלייבען ווייסט אויך ניט — דאָס איז עפּעס סתם אַזויא גיוואָרען! דאָך איז דאָס ניט אָרענטליך פון אונז ביידע. ניט אַזוי דאַרפען טהון צוויי ברידער, וועלכע זיינען נור צווייא און האָבען מעהר אין פאַמיליע קיינעם ניט, עס דאַרף אַזוי ניט זיין! אַלזאָ בעט איך דיר ליעבער ברודער, שרייב מיר וואָס מיט דיר איז, וויא לעבסטו אין אַמעריקא? וואָס איז דיין געשעפט? וואָס האָסטו פאַר קינדערליך און אויב דו ביזט מיט אַמעריקא צופריעדען. איך בין דאָס אַלס זעהער נייגעריג צו וויסען.

איך פערהאָף אַז פון יעטצט וועלין מיר זיך קאָרעספאָנדירען אָפט און אָהן אויפהער. דיין ברודער

וואָלף וויטענבערג.

.18

אנטוואָרט.

ליעבער ברודער וואָלף!

דיין לעטער פון 19 מאַי האָב איך ריכטיג ערהאַלטען, אָבוואָהל איך האָב שוין דרייא וואָהנונגען געביטען נאָך מיין אַלטען אדרעס. בייא אונז איז אין פאָסט זעהער גוטע אָרדענונג — קיין בריעף געהט ניט פערפאַללען און מען זוכט אויף דעם אַדרעסאַט.

דעם פערגעניגען, וואָס דיין בריעף האָט מיר פערשאַפט בין איך ניט אומשטאַנדע דיר אויס צו שרייבען. דוא האָסט רעכט, גוטער ברודער, עס דאַרף אַזוי ניט זיין, נאָר ווייסטו דען ניט אַז „ניט אַלס איז וויא עס דאַרף זיין"... מיר דאַכט אַז בייא אייך פיהלט איהר דאָס גאַנץ אָפט, פיעל זאַכען האָט בייא אייך געדאַרפט זיין ניט וויא עס איז און עס איז דאָך ניט ווי עס דאַרף...

איך מאַך דאָ אַלעבין; דאָ קען מען אַלעבין מאַכען—מען שטערט ניט; יעדער קען זיך פאַרדינען פון וואָס ער וויל און וואו

ער וויל. אלזא קענסטו פארשטעהן אז מיין גישעפט איז וואס מיר פאסט און וואס מיר איז לייניגער. איך פארמעג דרייא שיינע טעכטער און צווייא זיהן, וועלכע בעקומען בילדינג אומזיסט אין דיא בעסטע שוהלען מיט אללע קינדער צוגלייך — נו, זאל איך מיט אמעריקא ניט צופריעדען זיין ?!

שרייב מיר וואס איז דארטען מיט דיר, דוא וועסט מיט דיין שרייבען ערפרייען דיא גאנצע פאמיליע פון דיין ברודער,

זאלאמאן וויטענבערג.

.19

וואלף צוא זאלאמאן.

טהייערסטער ברודער זאלאמאן !

מיין וואונש איז דאך ערפיללט געווארען — איך האב פון דיר ענדליך אבריף בעקאמען, און דאנקען גאט זעהער אפרייליכען. איך מוז דיר אפען שרייבען, ברודער, אז איך קען דיר פון זיך אזויא גוט ניט שרייבען. נאר מיין ניט אז איך בין אנ'אויסנאהמע ! מיר דוכט אז דא בייא אונז, מאכט קיין איד קיין לעבען ניט. מיר לעבען אללע פון ווינד און אפשר אויך מיט ווינד. פון דיין בריעף איז צוא פערשטעהן אז דו וויסט פון אונזער לעבען האטש דו ביזט אין אמעריקא שוין צייט 18 יאהר. „פון שטארקע טאבאק ניסט מען לאנג“ זאגט א רוסישער שפריכווארט, וואס קענען מיר אבער טהון !?

איך האב צווייא זיהן און איין טאכטער. מיינע זיהן בילדע איך ניט, ווייל הויז-בילדונג קאסט טהייער און אין א שוהלע איז זעהער שווער אריין צוגעהן, ניט אללע קענען דאך זיין פון דיא עשרה ראשונים... אלזא איז טאקי זעהער ביטער — מיר קענען אמאהל קיין נחת פון קינדער אויך ניט האבען, אבוואהל זייא זענען פעהיגע.

ענטשולדיג, ליעבער ברודער, וואס איך זינג מיט אזוי אנ' אומעדיגען ניגון — „אויף וואס פאר אפוהר מען זיצט אזא ניגון זינגט מען...“

גערים אין מיין נאמען דיין פרויא און קינדער. מיין פרויא און די קינדער גערים מען אייך זעהער.

דיין ברודער, וואלף וויטענבערג.

20.

זאלאמאן צוא וואלפ'ן.

דוא פערשפארסט, ליעבער ברודער, צוא בעטען בייא מיר ענט־שולדיגונג פאר דיין אומעדיגע ליעד; איך האב עס ערוואראטעט — איך האב עס פאראויס געוואוסט! דיר וואונדערט דאס איך האב אין פערלויף פון 18 יאהר ניט פארגעסען וועגין דעם אידישען לעבען, אדער מוטשען זיך בייא אייך; עס איז קיין וואונדער! עס וואלט פיעל מעהר גיוועזן וואס צוא בעוואונדערין ווען איך וואלט דאס פארגעסין אין 18 יאהר, מיר דוכט אז אין 81 יאהר קען מען דאס אויך ניט פארגעסין...

אויב עס איז נאר מיגליך, פאלג מיר ליעבער ברודער, פערקויף אלס וואס דו האסט; מאך אלס צוא געלט און קום צוא אונז, בייא אונז איז פרייא אללעמען און אללע מאהל צוא קומען. דא וועסטו פון אלעבען וויסען, דא וועסטו קענען דיינע קינדער פאר מענשין מאכען און לעבען ווי א מענש... קום, מיין ברודער, מיר וועלען ביידע ניט מעהר עלענד זיין.

שרייב מיר גלייך דיין מיינונג וועגין דעם. דען אויף דיין אנטוואָרט וואַרט מיט דעם גרעסטין אונגעדולט

דיין ברודער זאלאמאן וויטענבערג.

21.

וואלף צוא זאלאמאנן

טהייערסטער גוטער ברודער זאלמאן!

„עס איז גוט אין גן־עדן, אבער דיא זינד לאזין ניט אריין" — דער שפריכווארט איז אויס גיקומען אויף מיר. לעזענדיג דיינע זיסע ווערטער ווילט זיך גלייך נעהמען און פאהרען צוא דיר, אין דעם היינטיגען ארץ־ישראל. אין דעם ארט וואו מען קען מיט מיהע פארדינען, וואו ארבייט ווערט בעצאהלט און וואו יעדער מענש קען זיך בעשעפטיגען מיט וואס ער וויל און וואו ער וויל — אבער צוא אזא רייזע פאדערט זיך געלט; און געלט מאכען קען איך נאר פון מיין הויז ווען איך זאל איהר פערקויפען. עס איז אבער יעטצט קיין סוחרים ניטא, קיינער וויל ניט אריין לייגען קיין געלט אין א הויז. יעדער וויל בעסער זיין א רייכער שכן איידער א ן ארימער בעל הבית. נו. וואס קען מען טוהן?

אלזא, ליעבער ברודער, מוז דאס נאך גידולדיג זיין; מיט דער צייט וועט זיך פיללייכט אויס בעססערן דער שלעכטער צושטאנד און דאן וועל איך טהון דיין פערלאנג און מיין וואונש...

דיין ברודער וואלף וויטענבערג.

22.

זאלאמאן צוא וואלפין.

טהייערסטער ברודער וואלף!

איך פערשטעה דיר ניט — אויב דוא האסט רעכט זיך צוא קוועללע

און לײדען זעלבסט װארטענדיג אויף בעססער, אבער צוא מוטשען דײנע יונגע קינדער, פון װעלכע דארטין בײא דיר װעט גאר נישט װערין און װעלכע װעלין צײט זײער לעבען בעקלאגען זיך אויף דיר װאס דוא האסט זײא גיגײט אין זײער שלעכטען צושטאנד צוא בלײבען — האסטו גיװיס קײן רעכט ניט; דוא דארפסט דאס ניט טהון און טארסט דאס ניט טהון! װארט ניט אויף בעססער, עס איז אומזיסט דײן װארטען! נעהם און פעקיל זיך צוזאממען, שנײד אב פון אלם און קום אונגיזאמט צוא אונז. הונדערט רובל מעהר אדער װײניגער איז גאר נישט; דער לעבין איז טהײערער!

איך בין זיכער אז דוא װעסט טהון װאס איך ראטה דיר און ביפין ניט פאר גיטינג פיעל װעגין דעם צוא שרײבען.

דײן ברודער נאלאמאן װיטענבערג.

23.

א ברודער צוא א ברודער

אחי היקר!

איך קען גאר ניט קלוג װערין װאס דײן שטילשװײגען זאל בעדײטען, איך האב דיר שוין דרײא בריעף געשריבען און האב פון דיר קײן אנטװארט ניט ערהאלטען;

שרײב מיר װאס איז מיט דיר, דען איך בין זעהער אונ־רוהיג.

דײן ברודער זוסמאנן פינקעלשטײן

24.

אנטװארט.

מיטאװע, 9־טען אקטאבער 1903.

טהײערסטער ברודער!

ענטשולדיג מיר װאס איך האב דיר נא לאנג ניט געשריבען, איך

האב אבער ליידער ניט געקאנט שרייבען. די אורזאכע דער פון איז דאס וואס איך האב קיינע גוטע נייעס דיר צושרייבען, און מיטהיילען דיר פון מיין געמיין לעבען פון מיין ארמוטה און צרות האב איך פשוט ניט געוואלט. איך פערשטיי אז דו וועסט פון דעם קיין פערגעניגען האבען...

מיט אפאר יאהר צוריק אלס איך האב בעקומען ו אהנרעכט אין קורלאנד האב איך גימיינט אז איך בין איבער גליקליך. עס איז אבער געוועזען א פוסטע פאנטאזיע. איבעראל זיינען יעצט געעפינט געווארען געזעלשאפטס־קראמען, וועלכע פאר קאנקורירען די אידישע געשעפטען, פיעל געשעפטען זיינען אין גאנצען פאר אידען פארבאטען און די הוצאה איז גרויס...

אט דאס איז די איינציגע אורזאכע וואס איך האב דיר ניט געשריבען, ביז דו האסט מיר וועגען דיין בעאומרוהיגען זיך איבער מיר געשריבען.

דיין ברודער יאן פינקעלשטיין.

25.

א ברודער צו א ברודער.

אחי יקר ונחמד.

דיין בריעף האט אונז פיעל פערגעניגען פערשאפט. דאנקען גאט פאר דיין געזונד און וואס דו מאכסט גוטע געשעפטען, ביי די יעצטיגע צייט איז דאס א זעלטענהייט. איך ווינשע אימער פון דיר אזעלכע בריעף צו בעקומען.

פון זיך קען איך דיר ליידער קיין צוגוטע נייס ניט שרייבען די געשעפטען ווערין פון יאהר קלענער, די פאמיליע גרעסער און די הוצאה איז ניט צו דער טראגען. נאר ווי אלע אידען לעב איך אין האפענונג אז עס וועט אי״ה בעסער ווערין — האפען קאסט דאך קיין געלט ניט...

דיין ברודער שמעון ליאזנאוו.

26.

אנטוואָרט

טהייערסטער ברודער שמעון!

לעזענדיג דיין בריעף איז מיר איינגיפאלען דיר פאר צוליינען פיללייכט וועסטו וועלין פערגרינגערין זיך דיא אויסגאבען (הוצאה) און וועסט צוא מיר דיין עלטערין זאהן שיקען. ביא מיר איז יעטצט דא א וואקאנסיע אויף אשטעללע פאר א בוכהאלטער. איך קען דאך דיינע קינדער דאס זייא זיינען געבילדעטע, פייהיגע און אויף׳ן העכסטען פאלל ארדענטליכע — עס וועט פאר אונז ביידען גוט זיין: איך וועל האבען א בוכהאלטער, אויף וועלכין איך וועל זיך קענען פערלאזען וויא אויף זיך זעלבסט; און ער וועט האבען אשטעללע ביא מיר, זיין אנקעל, וואס ווייס וויא איהם צוא שאטצען; אויסער וואס דיא שטעללע וועט איהם שיינע גיהאלט טראגען.

איך וואַרט אויף דיין אנטוואָרט דורך דיין זאהן!

דיין ברודער ברוך ליאָנאוו.

27.

שמעון צוא ברוכ׳ן.

איך בין ניט אום שטאנדע דיר נאך דיין ווערטה צוא בעדאנקען. דיין בריעף האט אונז אללעמען דער פרייהט: ביא דיר איז דאך אגרויסער געשעפט. מיין זאהן וועט נוטצן פראקטיקע האבען, און מיר האפפען אז איהר וועט ביידע העכסט צופריעדען זיין.

דיין וואונש, גוטער ברודער, צוא שיקען דיר מיין אנטוואָרט דורך מיין זאהן. דיין צוקונפטיגען בוכהאלטער, קען איך ניט ערפיללען — עס מוז נאך איינינע טעג געדויערן

ביז ער וועט קענען פאהרען. איך בעקלייד איהם וויא עס
פאסט פאר דיין אבוכהאלטער און וויא עס איז אנשטענדיג
אין אגרויסע שטאדט צוא קומען. מיין זאהן שרייבט דיר
בעזאנדער אבריעף היינט אדער מארגען.

דיין ברודער שמעון ליאזנאוו

28.

אפלימעניק צוא אפעטער.

געעהרטעסטער אנקעל, לעבט וואהל!

איך שרייב אייך אקורצען בריעף, דען איך בין זא איבער ראשט פון אייער פאר מיר גליקליכען שרייבען דאס איך קען מיינע געדאנקען ניט צוזאממען נעהמען. איך קען אייך זאגאר יעטצט ניט דאנקען נאך זייער וועדמה — דאס וועל איך מינדליך מאכען אין פערלויף פון איינגע טעג, ווען איך וועל צוא אייך קומען. איין זאך קען איך אייך נאר שרייבען: זיהר האט אונז אלעמען איבער גליקליך געמאכט!

אייער אייך גליקווינשענדער פלימעניק

יאקאב ליאזנאוו

29.

אשוועסטער צוא אשוועסטער.

טהייערסטע שוועסטער לינא!

דיא פארינגע וואך האב איך פון דיר דורך פריילין № № אגרוס גיהאט, זיא האט מיר גיזאגט אז דיר לעבט זיך גאנץ גוט און לעבסט אין צופריעדענהייט. דאס האט מיר זעהער גיפרייט, גיעב גאטט, עס זאל דיר אימער פרייליך און גוט זיין!

איך לעב דא גאנץ איינזאם, ביא אונז אין יעקאטערינאָ־סלאוו ווייס קיינער ניט פון אלעבין; מען איז פון מארגען ביז אבענד פערהארעוועט אין פערדינען דאס שטיקעל ברויט. שרייב מיר אויב איך וואלט קענען וואס מאכען מיט מיין וועש־נייען ביי אייך אין ליבאווא, איך האב דיא ארבייט גרינדליך ערלעהרינט. דא, ליידער, קען עס מיר גאר ווייניג פער־דינסט ברייגען.

אויב דאס איז אפלאן שרייב מיר וועל איך אריבער־פאהרען צוא דיר. דארטען וועל איך פערדינען און וועל ניט עלענד זיין.

דיין שוועסטער ראזע ראזענצווייג.

50.

אנטוואָרט.

טהייערסטע שוועסטער ראזע!

דיין בריעף האב איך ערהאלטען. איך האב זיך בעראטהען מיט מיין ליעבען מאנן, ער איז אויך אין דעם מיינונג אז דוא קענסט דא פון דיין ארבייט גוט פערדינען. אלזא שרייב אונז אויב דוא ביזט פאללקאם פערעם אין דיא ארבייט, אויב דוא האסט אנ' אטטעסטאט פון אפירמע, פאר וועלכע דוא האסט געארבייט און אויב דוא ביזט אים שטאנדע צוא פיהרען א מאדערנע ווערקשטאט. פון די איינענע צעהען פינגער קען מען קיין גליקען ניט אנלעבען. ווען דו זאלסט אבער א ווערקשטאט עפענען, האפפען מיר אז דוא וועסט גוט פערדינען — קיין קונדשאפט וועט דיר ניט פעהלען.

דיין שוועסטער לינא ראזענבוים.

31.

ראזע צוא לינא.

טהייערסטע שוועסטער און שוואגער לעבט גליקליך!

איך קען אייך צו מיין גרויסען פערגעניגען אויף אללע אייערע פראגען איינשטימיג אנטווארטען: איך האב אן אטטע־סטאט פון אהיזיגע געוויסע פירמא פון פארטיע וועשע „מ. אצארקין עט קאפ", אין וועלכע זייא האבען דייטליך געשריבען דאס איך קען דיא ארבייט גרינדליך. דאס איך האב בייא זייא געארבייט דרייא יאהר אלס אויפפאסערין און פיהרערין פון מאסטערסקאיע, אין וועלכע עס האבען שטע־נדיג געארבייט 15—20 נייטערינס.

אלזא, מיינע טהייערסטע, האט איהר „איין" אנטווארט אויף „אללע" אייערע פראגען, איך גלויב דער אנטווארט איז וויא געוואונשען פאר אייך. אום איהר זאלט קענען וועגען מיין ארבייט מיט בעקאנטע מענשען ריידען, שיק איך אייך בייא דיזען בריעף מיין אטטעסטאט.

אייער שוועסטער ראזע ראזענצווייג

32.

לינא צוא ראזע'ן

טהייערסטע ראזע!

מיר האבען שוין גערעדט מיט איינגע רייכע הייזער וועגין דיר, אויך האבען מיר זייא געוויזען דיין אטטעסטאט. אללע זאגען דאס זעלביגע אז דוא קענסט דא גוטע געשעפט מאכען,

אלזא, טהייערסטע שוועסטער. מאך אלס אין ארדנונג אום דוא זאלסט וואס שנעללער קעגען צוא אונז קומען. דער זומער סעזאן הייבט זיך יעטצט אן אויף דער דאצעס סעזאן. יעטצט קענסטו אגוטען אנפאנג מאכען. שרייב אונז בעשטימט דעם טאג פון דיין קומען וועלין מיר דיר אויף דעם באהן ערווארטען.

דיין שוועסטער לינא ראזענבוים.

33.

א שוועסטער צוא א ברודער

טהייערסטער און ליעבער ברודער

איך קום דיר מיט צוטהיילען דאס מיין וואונש איז ערפיללט געווארען — איך בין פערלאבט (תנאים געמאכט) מיט מאקס בייערפעלד, וועלכער איז מיינע עלטערין און מיר זעהער געפעלין און פון אללעמען זעהער גערימט. דאס איז דיא גוטע נייעס, וועלכע מיר האבין דיר אין אונזער פאריגען בריעף צוגעזאגט צוא שרייבין.

איך בין גליקליך און ווינש דאס זעלבע אויך דיר!

דיין שוועסטער העלענא גליקסווינש

34.

אנטוואורט

ליעבע שוועסטער העלענע!

איך גראטוליר דיר און ווינשע דיר גליק ווי דו און דיין געשעצטער ברויטיגאם (חתן) ווינשט זיך זעלבסט גיב גאט איר זאלט אימער צופריעדען זיין ביידע אין לעבען און פריעדען.

עֶס קֶען זַיין אַז קִירְצְלִיךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ אויךְ אַזַא בְּרִיף שְׁרַייבֶּען קֶענֶען... גֶערְן אוּנְבֶּעקַאנְטֶער נַייַע דַיין בְּרוּטִינַאם פוּן מַיינֶעם וֶועגֶען. אוּן זָאג אִיהְם דָאס עֶס שֶׁעצְט אִיהְם שׁוֹין זַיין צוּקִינְפְטִיגֶער שְׁוָואגֶער

יִצְחָק גְלִיקְסְווִינְגְשׁ.

35.

מַאכְּס צוּא יִצְחָקְן

הָאכְגֶעשֶׁעטְצְטֶער צוּקִינְפְטִיגֶער שְׁוָואגֶער!

אַייעֶר גְרַאטוּלַיאצְיָאנְס בְּרִיף (גְלִיקְווִינְשֶׁענְדֶען) הָאבֶּען מִיר רִיכְטִיג עֶרְהַאלְטֶען, אִיךְ אויךְ מַיין לִיעבֶּע בְּרוּטֶע (כַּלָּה) דַאנְקֶען אַייךְ פִיעל מָאהְל פַאר אַייעֶר בְּרוּדֶער־פְרַיינְדְלִיכֶען בְּרִיף. נִיעבּ נָאט אַייעֶר וואוּנְשׁ אוֹיף אוּנְז זָאל עֶרְפִילְלט וֶוערִין וִויא אויךְ אוּנְזֶער גְלִיקְווִינְשֶׁען אַייךְ.

אִיךְ הָאף, לִיעבֶּער בְּרוּדֶער, אַז מִיר וֶועלִין זִיךְ קִירְצְלִיךְ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאנְן וֶועלִין מִיר אוֹיף עֶוִויג בְּרִידֶער בְּלַייבֶּען

אַייעֶר אַייךְ גְלִיקְווִינְשֶׁענְדֶער

מַאכְּס בֵּייעֶרְפֶעלְד

36.

אַנְטְוָוארְט.

בְּרוּדֶער מַאכְּס!

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז נָאךְ דֶעם אַז זִיךְ וֶועל קוּמֶען אוּן מִיר וֶועלִין זִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ בֶּעקַאנֶען, וֶועלִין מִיר בְּרִידֶער צַייט אוּנְזֶער לֶעבִּין בְּלַייבִּין; אִיךְ מֵיין אַנְדֶערְשׁ — מִיר זַיינֶען שׁוֹין בְּרִידֶער קוּים בִּיזְט מַיין לִיעבֶּע שְׁוֶועסְטֶער'ס בְּרוּטִינַאם.

איך שיק דיר דעם בריעף א״ף מיין שוועסטער׳ס אדרעס, איך גלויב דו וועסט איהם פינקטליך בעקומען. גריס אין מיין נאמען דיין ברויטע און זאג איהר אז אונגעזאמט וועט זיך מיט איך פערזענדליך און מונדליך איבער אלעס אויסריידען

אייער ברודער יצחק גליקסווינש.

37.

2. ליעבע בריעף.

ווערטהעס פרייליין אננא שיינפינקעל!

איך מאך יעטצט אגיפעהליכען שריט. נאר „ווער עס שטעלט זיך ניט אין געפאהר — זאגט אשפריכווארט — געווינט ניט דיא שטרייט״, אלזא וואגע איך מיך עס צוא טהון.

איך מיין דאס איהר האט בעמערקט אז איך בין צוא איך ווייט ניט גלייכגילטיג, אז אין אייער געזעלשאפט בין איך נאר אני אנדער מענש און אויך דאס אז דיא פערהעלטנישע האט אויף מיר זעהער א גרויסען איינדרוק געמאכט...

אין דעם צושטאנד וויא איך בין יעטצט קען איך לאנג ניט בלייבען. דאס איז אני זונדערליכע זאך! אלזא בעט איך איך, האכגעשעטצטע [illegible], מיר מיט אייער איין ווארט גליקליך צוא מאכען. מיט אייער איין ווארט קענט איהר מיר אדער אין גאנצען בערוהיגען און זייא עוויג גליקליך מאכען אדער אין נעגען טהייל... דער וואהל איז צוא איך, זיין מיין לעבען. מיין בערוהיגונג זיין גליק הייגען אויף אייער ווארט...

איך ערווארטע מיט דעם גרעסטען אונגעדולד אייער אנטווארט.

כילים איבהארען.

38.

אנטוואָרט.

געעהרטעסטער הערר אייבהאָרן!

אבוואהל אייער בריעף האט מיר שמאלץ געמאכט און אייערע טיעף פון הארצען גערעדטע ווערטער האבען מיין אייגענליעבע זעהער געשמייכעלט, דאך געפין איך דאס איך זעלבסט האב קיין רעכט מיין האנד צו געבען, זאגאר צוא פערזאן וויא איהר, איידער איך וועל מיינע ליעבע עלטערן וועגען דעם זאגען, און זייער מיינונג אויס הערען.

פון מיינער זייטע קען איך אייך שרייבען דאס איך שעטץ אייך נאך אייער ווערטה, דאס אייער געזעלשאפט מאכט אויף מיר דעם זעלביגען ווירקונג וויא איהר האט מיר געשריבען... נאר בייא מיר קומט אויס אז עלטערן פערדינגען דאס בייא אזא שריט זאל מען זיך אהן זייא ניט בעגעהן.

דאס איז פארלייפיג מיין אנטוואָרט, וועלכער איך רעכין וועט אייך אביסיל בערוהיגען. איך ווינשע אייער מיינונג צו בעקומען וועגען דעם אינהאלט פון מיין דיזען בריעף.

מיט אכטונג אננא שיינפילקעל.

39.

פיליפ צוא ציגוין.

ווערטהעס פריילין שיינפינקעל!

אייך האט מיין שרייבען שמאלץ געמאכט, אייך האבען מיינע ווערטער געשמייכעלט: מיר אבער האט אייער בריעף דעם לעבען געשאנקען און אויף עוויג גליקליך געמאכט! איך האב אין אייער בריעף געלייענט צווישען דיא רייהען (שורות) איך האב אין איהם געפונען מעהר וויא עס איז אין איהם געשריבען... איך האב שוין אנגליקליכען אנפאנג — איך האב

שוין אויף וואס צוא האפפען. יעטצט פיהל איך דעם געדאנק פון פאלקס־ווערטיל: „וואס עס פעהלט אין יעטצט, דערלייגט דיא האפפנונג מיט דעם צוקונפט“; אהו ליעבע האפנונג און זיסער צוקונפט! איהר פערנעהמט ביא מיר יעטצט אגרויסען טהייל אין מיין לעבען...

מיט אייער מיינונג בין איך פאללקאם איינשטימיג. עלטערין זיינען ווערט אז קינדער, פון וועלכע זייא ליידען זא פיעל ביז מען ערציהט זייא, זאלען בייא אזא שריט זייער מיינונג פרעגין. איך האב אבער ניט אזויא פיעל גערולד זייער גליקליכען איינשטימונג צוא דערווארטען.

אייער פיליפ איכהארען.

40.

אננא צוא פיליפ'ן:

גערהרטעסטער פיליפ!

אין אייער לעטצטין בריעף זיינען אבגעשפיגילט מיינע געפיהלען, דיא ווערטער זיינען וויא פון מיין מונד ארויס גענומען. מיין לעבען בעגלייטען יעטצט אויך דיא זעלביגע צווייא ענגעלן (מלאכים) דיא האפפענונג און דער צוקונפט, נאר איך האב קיין דרייסט ניט פאר צוא לייגען מיינע גוטע עלטערין אזא זאך — פאר א פרויענצימער איז עס אצוא שווערע אויפגאבע. גיט מיר אראטה (אנ' עצה) וויא דאס זאל געשעהען, איך קען דאס ניט. דאס קאסט מיר מיין געזונד און אייך — אייער גערולד.

אייער אננא שיינפינקעל

41.

פיליפ צו אננא'ן.

מיט דעם גרעסטין אונגעדולד האב איך אייער בריעף

בּרוואַרט און מיט דעם גרעסטן פערגעניגען גילעזין. דער מאַגניס — וויא עס איז בעשריבען — האַט דיא איינגעשאַפט אַז צוא וואס ער ריהרט זיך צוא אויב דאס איז נאר מעטאַל בעקוממט עס מאַגניס־קראַפט. דיא ליעבע איז אבער פיעל שטאַרקער: זיא פערהייליגט און פערטהייערט אַללעס אַללעס... דאס פּאַפּיר פון אייער בריעף און דער קאָנווערט האבען בייא מיר אַזא ווערטה וואס עס גיט נאר קיין גלייכען דער צוא. אייערע צווייא בריעף זייגען בייא מיר יעטצט מיין איינגנס.

דעם באָטה וואס איהר בעט קען איך אייך געבען, נאר אויב איהר וועט צוא איהם איינשטימען. איך וועל אדער זעלבסט בייא אייערע נומע עלטערן אייער האנד בעטין גלייך וויא איהר וועט מיר אייער איינשטימונג דער צוא שרייבען: אדער איך וועל אשדכן זיין נאמען פון מיינע עלטערן שיקען. זייא ווייסען אביסיל פון אונזערע פערהעלטניסע און זייגען העכסט צו פריעדען וואס מיין נאהל איז אויף אייך. ליעבע אננא, געפאהלען.

שרייבט מיר וועלכער פלאַן גיפעלט אייך בעססער דעם וועל איך אונגעזוימט טוהן

אייער פילים אייכהארן

42.

אננא צוא פיליפּן.

ליעבער טהייערסטער פיליפּ!

דער צופאלל האט אייער צווייטען פלאַן אויסגעקליגען אלזא דערמיט איך עס אויך. אייער בריעף איז אנגעקומען גראדע ווען איך בין

צוּא הויז נִיט גֶעוֶועןֿ. מַיין גוּטֶע מוּטְטֶער הָאט עֶס פוּן בְּרִיעפֶּענְטְרֶעגֶער אָבּ גֶענוּמֶען, זִיא — נִיט מֵיינֶענְדִיג קֵיין זַאךְ — הָאט אִיהְם גִיעֶפִינְט אוּן גֵילֶעזִין. זֶעלְבְּסְט פֶּערְשְׁטֶעהֶנְדִיג אַז זִיא הָאט אַלְס מַיין פָּאטֶער אִיבֶּער גִיגֶעבִּין. אוּן אַז אִיךְ בִּין צוּא הויזֶע גֶעקוּמֶען הָאט מִיר דֶער פָּאטֶער אִין זַיין קַאבִּינֶעט אַרַיין גִירוּפֶען אוּן דָארְטֶען הָאט עֶר, אוֹיךְ דִיא מוּטְטֶער מִיר עֶרְקְלֶערְט דָאס זִייא קֶענֶען אַייעֶר פַאמִילִיעֶ גוּט פוּן בֶּעסְטֶער זַייטֶע, דָאס דֶער פָּאטֶער קֶען אַייךְ אוֹיךְ גוּט, אוּן זִייא בֵּיידֶע הָאבֶּען מִיר אָפֶּען גִיזָאגְט דָאס זִייא שְׁטִימֶען אַיין צוּא אוּנְזֶער וואוּנְשׁ.

אַלְזָא, לִיעבֶּער פִּילִיפּ, קוּמְט אוּן רֶעדְט; מַיינֶע גוּטֶע עֶלְטֶערִין זֶעלְבְּסְט — אוּנְזֶער גְלִיק אִיז בַּייא אוּנְז אִין דִיא הֶענְד...

אַייעֶרֶע אַנְנָא שֵׁיינְפִינְקֶעל.

P. S, אִיךְ גְרַאטוּלִיר אַייךְ פוּן טִיעפֶען הַארְצֶען!

43.

3. אַחְתָּן צוּא אַכַּלָּה

הֶערְצֶענְס גֶעלִיעבְּטֶע בְּרוֹיטֶע!

דֶער בְּרִיעף אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער נָאךְ אוּנְזֶער גְלִיקְלִיכֶען פֶּערְלָאבּוּנְג, אִין אִיהְם, מַיינֶע טְהַייעֶרְסְטֶע, וֶועסְטוּ קֵיינֶע נַייעֶס גֶעפִינֶען. דוּא וֶועסְט נָאר גֶעפִינֶען אִין אִיהְם דִיא וֶוערְטֶער, וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט פוּן מִיר שׁוֹין פִיעל מָאהְל גִיהֶערְט אוּן וֶועלְכֶע אִיךְ הָאף דוּא וֶועסְט עֶווִיג פוּן מִיר הֶערִין, ד. ה. דָאס דוּא בִּיזְט מַיין גְלִיק, מַיין וואוּנְשׁ אוּן מַיין לֶעבֶּען; דָאס מַיין לִיעבֶּע צוּ דִיר אִיז אָהְן אַגְרֶענְצֶע.

דוּא בִּיזְט זָאגַאר וַייט פוּן מִיר אַייניגֶע שְׁטוּנְדֶען צַייט מִיט דֶעם בַּאהְן צוּא רֵייזֶען; אָבֶּער וִויא דִיא זָאנְגֶע וֶועלְכֶע אִיז נֶעהֶער וַייט פוּן דִיא עֶרְד אוּן בֶּעלַייכְט אִיהְר דָאךְ, זָא בֶּעלַייכְטְ'ס דוּא מִיר אָבְּוָואהְל דוּא בִּיזְט פוּן וַייטֶען. דוּא

בִּיזְט בַּייא מִיר, בַּייא מִיר אִין קָאפּ, בַּייא מִיר אִין הַארְצֶען — דוּא בִּיזְט מַיינֶע.

דַיין לִיעבֶּענְדֶער בְּרוּיטִיגַאם, וֶועלְכֶער עֶרְוַוארְטֶעט דַיין שְׁרַייבֶּען מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין אוּנְגֶעדוּלְד

שִׁמְעוֹן גָאלְדְבֶּערְג

44.

אַנְטְוָוארְט

מַיין לִיעבֶּער שִׁמְעוֹן!

דַיין לִיעבֶּער בְּרִיעף הָאט מִיר בֶּערוּישְׁט מִיט גְלִיק. קֵיין אַנְטְוָוארְט הָאבּ אִיךְ דִיר נִיט צוּא שְׁרַייבֶּען. קֶען אִיךְ דִיר דֶען וָואס אַנְדֶערְשׁ שְׁרַייבֶּען וויא דוּא צוּא מִיר? אִיךְ וָואלְט רִיכְטִיג טוּהְן וֶוען אִיךְ וָואלְט דַיינֶע בְּרִיעף קָאפִּיעֶרֶען, אוּנְטֶער שְׁרַייבֶּען זַייא, אוּן דִיר אָבְּשִׁיקֶען; נָאר אוֹיבּ אַזויא, וָואלְטִין מִיר אִימֶּמֶער נָאר דֶעם אֵיין בְּרִיעף זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין שִׁיקֶען. אַלְזָא מוּז אִיךְ דִיר עֶטְוַואס אַנְדֶערְשׁ שְׁרַייבֶּען, אָבֶּער דֶער צִיעל אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער: אִיךְ לִיעבּ דִיר טִיעף פוּן הַארְצֶען, דוּא בִּיזְט דָאס אֵיינְצִיגֶע וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר, דוּא בִּיזְט מַיינֶער.

שְׁרַייבּ וָואס מֶעהְר, דֶען לֶעזֶען דַיינֶע בְּרִיעף אִיז יֶעטְצְט דָאס גַאנְצֶע בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג פוּן דַיין בְּרוּיטֶע

נָעמִי וֶועכְּסְלֶער.

45.

שִׁמְעוֹן צוּא נָעמִין.

זִיסֶע אַנְגֶענֶיהְמֶע נָעמִי!

פֶּערִיל אוּן בְּרִילְיַאנְטֶען זַיינֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן וויא דִיא בֶּעסְטֶע מוּזִיק קְלִינְגֶען דַיינֶע פְרַאזֶען. אָה וִויא פַאלְשׁ,

וויא אונגרינדליך איז דער מיינונג פון דיא פילאזאפען וואס זאגען אז אלס אויף דער וועלט איז גאר נישט! גיין, דיא וועלט איז אגן־עדן פאר דיא וואס האבען דעם גליק צוא ליעבען און געליעבט צוא זיין.

איך ווייס נאר אז ציט איך האב דיר דערקאנט איז מיר דיא גאנצע וועלט אלוסגעארטען, אלס אויף וואס איך קוק פרייהט זיך, אלס איז וויא איך — גליקליך!

עס איז נאר איין קליינער וואלקען אויף מיין הימעל — וואס מיר זיינען ווייט איינער פון צווייטען, וואס אום צוא האבען דיר לעבין זיך מוז איך דיא פאנטאזיע אן ווענדין... אבער דאס וועט לאנג ניט געדויערין: נאך דרייא מאנאטען און דוא ביזט מיינע און געבען מיר... וויא דער לעב איך שוין דיא גליקליכע צייט!

דיינער אויף עוויג שמעון.

46.

נעמי צוא שמעונ'ן.

מיין ליעבער ברויטיגאם!

דוא ביזט, מיין טהייערסטער, א קינסטלער! דוא שרייבסט ניט מיט א פעדער נאר מיט הארץ, מיט הארץ פול מיט ליעבע הייסע וויא פייער. דעם טאג וואס איך בעקום דיין אבריעף פערשלים איך זיך אין מיין צימער. קיינער זאל מיר מיין גליק ניט שטערין. איך לעז דיינע בריעף צעהנדליגער מאל און געפין אין זייא אלס מעהר און מעהר... פון שלאף לעז איך זייא. ביא טאג לעז איך זייא און ווען לעז איך זייא ניט? אה! שרייא איך אוים פון טיעפען הערצין — וויא דער לעב איך שוין דיא גאלדענע צייט אז איך וועל דיר שוין מעהר ניט רופען וויא יעטצט „ברויטיגאם" נאר אנדערש און הייסער...

אין גאנצען דיינע נעמי

47.

צוא א כלה.

מיינע טהייערע ליזא!

דער געדאנק דאס מיר געהערין יעטצט איינער דעם צווייטען, דאס איך קען האפען און האב רעכט צוא זאגען דאס דוא ביזט מיינע — מאכט מיר גליקליך. איך בין קיין מאהל אזויא פרייהליך ניט געוועזען, איך האב זיך קיין מאהל אזויא גוט ניט געפיהלט וויא יעטצט צייט מיר זיינען פערלאבט. איך פיהל דאס איך בין גאר אן אנדער מענש!

איך פיהל יעטצט אז אלס וואס מען האט וועגין ליעבע געשריבען איז אמת און היילינג. דאס איז דער בעסטער מעדיקאמענט (היילמיטעל) דעם לעבען צוא פערזיסען און איהם א ווערטה צוא צוגעבין. אהן ליעבע איז קיין לעבין. אהן ליעבע איז קיין פערגעניגען!

פון גליק האב איך קיין ווערטער ניט. פון גליק קען איך מעהר ניט שרייבען. נאר מיין ערשטער בריעף זאל ניט צוקורץ זיין דערליינג איך נאך דיא ווערטער: ווען עס איז דא אויף דער וועלט מענשין וואס פערשטעהען זייער גליק, איז דער ערשטער פון זיא

דיין יאזעף אפפענהיים.

48.

מיינער, נאר מיינער יאזעף!

מיין גרעסטען וואונש וואס איך האב אין מיין לעבען געהאט, דאס איך ערהייכט. דוא מיין ברויטיגאם פערשטעהעשט גיא צוא ריעכען אין

ביזט ליעבענס ווירדיג. נאר „ווען מען ערדרייבט איין וואונש, קומט גלייך אצווייטער״, מיין צווייטער וואונש איז יעטצט מיר זאלען אללע מאהל דיא געפיהלען האבען איינער צום צווייטען און מיר זאלען בייא יעטצטיגע גידאנקען בלייבען...

שרייב וואס מעהר; פערגעניגען ווינשט זיך יעדער פיעל צוא האבען, און פערגעניגען פערשאפען מיר „יעטצט״ נאר דיינע בריעף.

אויף עוויג דיינע ליזא זבארסקי.

~~~

49.

צוא אחתן.

ליעבער, טהייערער ברויטיגאם שלמה!

דאס איז מיין לעטצטער בריעף צוא דיר, דעם לעצטין מאהל רוף איך דיר ברויטיגאם — נאך צווייא טעג וועל איך דיר שוין מיט אן אנדער נאמען רופען... אלס אנטוואורט אויף מיין בריעף דיעזען, ערווארטע איך מיט אפפענע ארמען דיר זעלבסט, דיר מיט דיינע ליבען עלטערין, דיינע שוועסטער און ברידער און גוטע פריינד. דינסטאג וועט זיין דער בעסטער טאג פון מיין לעבען, דער טאג אין וועלכין איך מאך דעם שריט וואס א מענש מאכט און וויל מאכען נאר איין מאהל אין לעבען אויף אגאנצען לעבען. גיב גאטט עס זאל אונז ביידען צום גליק פיהרען!

אדיע, מיין טהייערסטער, ביז דינסטאג!

דיין ברויטע, וועלכע טראכט נאר וועגין דיר העלענא מינץ.

~~~

50.

פֿון אַן אָבְּגֶעזָאגְטֶע כַּלָה.

בֶּעסְטֶע פְרַיינְדִין!

דוּא בִּיזְט דִיא אֵיינְצִיגֶע גִיוֶועזֶען וָואס הָאסְט גִיווּאוּסְט פוּן אַלֶע מַיינֶע פֶערְהֶעלְטְנִיסֶע מִיט לֶעאָן גַמְפִּיפִּיטְץ, דוּא נָאר הָאסְט גִיוואוּסְט וֶוען אוּנְזֶער הֵייסֶע לִיעבֶּע הָאט זִיך אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט דְרַייא יָאהְר צוּרִיק אֵיידֶער עֶר אִיז סְטוּדִירֶען גִיפָאהְרֶען, אוּן דוּא בִּיזְט דִיא אֵיינְצִיגֶע, פַאר וֶועלְכֶע אִיך גִים יֶעטְצְט אוֹיס מַיין הַארְץ, אַלְס דִיא לִיעבֶּע אִיז אוֹיס... יַא, מַיינֶע פְרַיינְדִין, אִיך בִּין שׁוֹין גָאט צוּא דַאנְקֶען אַרִיבֶּער גֶעקוּמֶען... עֶס הָאט מִיר פִיעל גֶעזוּנְד גִיקָאסְט, עֶס אִיז אָבֶּער וֶוערְטְה — אִיך בִּין אִימֶער גְלִיקְלִיך וָואס אִיך הָאבּ זִיך דָאך אַרוּם גִיזֶעהֶן בֶּעצַייטֶען, ד. ה. וֶוען מִיט אֵיין וָוארְט הָאבּ אִיךְ, עֶס אוֹיךְ גִיקֶענְט אָבּ מַאכֶען. אִיך הָאבּ גִיהַאט גְלֶעזֶערְנֶע אוֹיגֶען. אִיך הָאבּ קֵיין זַאך נִיט בֶּעמֶערְקְט אָדֶער פוּן דֶער גוּטֶער זַייטֶע גִירֶעכֶנְט, אִיך בִּין גִיוֶועזֶען פֶערְבְּלֶענְדֶט פֶערְפִיהְרְט אוּן פֶערְנַארְט — אָבֶּער גֶענוּג! אִיך הָאבּ דָאך בֶּעצַייטֶען אִיבֶּערְצַייגְט זִיך וִויא ווייט פֶערְדָארְבֶּען עֶר אִיז, וִויא וַוייט פַאלְשׁ אוּן נִידֶערְטְרֶעכְטִיג, אוּן בִּין גִירֶעטֶעט — אִיך בִּין פְרַייא. אִיך וֶועל זִיך יֶעטְצְט מִיט אַ רוּהִיגֶע קָאפּ בֶּעטְרַאכְטֶען אוּן אוֹיסְרוּהֶען פַאר דִיא פֶערְדְרֵייעֶנִישׁ, וֶועלְכֶע הָאט דְרַייא יָאהְר גֶעדוֹיעֶרְט אָה, דְרַייא יָאהְר; דְרַייא יָאהְר גֶעזוּנְד אוּן לֶעבֶּין!

דַיין פְרַיינְדִין כַאנֶע אֵיילְבּוֹינַארְטֶען.

51.

אנטווארט.

טהייערסטע פאניע!

דיין בריעף האט מיר ניט איבערראשט — איך האב אזא ענדע אללע מאהל ערווארטעט. איך האב גבאדע אין אייניגע שטעללען גיטראפען זיך מיט דעם תכשיט אויך אזוויא חתונות. וואס זאל איך דיר זאגען? אזויא פערדארבען איז אזעלטענהייט! מיר פלעגין זיך שטענדיג ניט קענען פערוואונדערין אויף דיר וואס דוא זעהסט ניט, וואס דוא בעמערקסט ניט. נאר דוא מאגסט גוט גאט דאנקען וואס ער האט דיר בעצייטען דיינע אויגען גיעפינט. א כפרה ער מיט זיין סטודירען, מיט זיין פאלשקייט — דער לעבען איז טהייערער...

דיין פריינדין פאניע מושקינט.

52.

4. א מאן צוא א פרויא.

ליעבע גוטע חנה'לע!

דוא האסט מיט אונגעדולד געווארט אויף מיין דיעזען ערשטין בריעף נאך מיין אפרייזען. איך פיהל דאס זעהער גוט. דוא וואלסט שוין גיוועלט וויסען וואס מיט מיר איז און צי האב איך מיין ציעל ערדרייכט. אלזא שרייב איך דיר אז מיר האט זיך איינגיגעבין — איך בין צוא דער גוטער צייט נאך האמעל אנגעקומען: איך האב גלייך אפייגע שטעללע בעקומען אין א גרויסען מאנופאקטור גישעפט. מיין לאהן (Жалованье) איז נאך דער ווייל אונבעשטימט, זייא דארפען זיך פריהער איבער צייגען וויא ווייט פייהיג איך בין: נאר מיר ביידע וויסען דאך וויא גוט איך האב גיארבייט אין מאסקווע

און וויא געאכט איך בין גיוועזען בייא מיין פרינציפאל. דיא מענשין שייגען גוטע צוא זיין, און איך פערהאף אז זייא וועלין פון מיר צופריעדען זיין און אויך איך פון זייא. און דאס איז מיין וואונש. דיין דיך ליעבענדער מאנן

בער ליעבערמאנן.

53.

אנטוואָרט.

טהייערסטער מאן מייגער!

דייגע גידאנקען האבען דיר גיט אבגינארט: ד פרומע נוארטען גיט אויף משיח'ן מיט אזא אונגעדולד, וויא איך האב אויף דיין בריעף גיווארט. און עס איז קיין וואונדער גיט. מיר האבען דאך אין מאסקווע גילעבט גוט און שיין. גיהאט לעבענס מיטעל בכבוד און קיינעם גיט שולדיג גיוועזען. עס איז אבער אצרה גיקומען און האט אונזער רוהיגען לעבען אין פערלויף פון פיער און צוואנציג שעה צושטערט און צו דואינירט אין גאנצען... מיר זייגען געלאפען, (אדער בעסער: מען האט אונז גיאגט) וויא פון פייער וואו דיא אויגען האבען גיטראגען. מיר האבען אין דיא אונגליקליכע פאר מאנאטען וואהנענדיג אין באברויסק אויף גיגעסין דיא הויט פון דיא ביינער, צלם פערזעטצט, און פער־משכונ'ט, ביז דיר איז איינגעפאלען נאך האמעל צוא פאהרען אוועלבע שטעלליע צוא געפינען. נו האב איך גיט גידארפט נוארטען אויף דיין בריעף וויא א פערשולדיגטער אויף זיין משפט?

יעטצט לויב איך גאט, איך וויגש זיך גאר דוא זאלסט חן געפינען אין דיא אויגען פון דיין שעף (בעל הבית פון געשעפט) און דאן וועלין מיר אי"ה אן אונזערע צרות קענען אנהייבען פערגעסין און אמאל נאך גילייבט אין פריידין דערציילען.

דיינע דיך שעצענדע פרויא חנה ליבערמאן.

54.

אפרויא צוא אמאנן.

מיין טהייערער מאנן יצחקי

היינט איז פונקט דרייא חדשים נאך אונזער חורבן; היינט בין איך דעם דריטען מאל אויף אונזער זאהנ׳ס קבר גיוועזען, און מערקווירדיג — ער האט מיר פון דארטין, פון עולם האמת, דעם זעלביגען ענטפער גיגעבין וואס מען גיט אונז דא.

מען שרייט שוין ניט מעהר אויף דיא וויטיגען. ניט ווייל זיא זיינען שוין אין גאנצען אויסגיהיילט, ניין און ניין! נאר עס זיינען עטוואס פון אויבען פערצייגען גיווארען דיגע היימליך, עס זיינען פערגייט גיווארען דיא שניטען. אונטען איז נאך אבער דא מאטעריא און אויבען אפארהייקערטע פנים... דער טויטער ווערט פערגעסין, אבער ביא אונז איז נאך דא טויטע ניבליבען לעבעדיגע. און לעבעדיגע י״זת — לעבין און וואכסען...

וואס איז דארטען מיט דיר? פאר וואס שרייבסטו אזויא ווייניג און ניט אפט? האסטו זיך דארטין שוין צוא וואס דער־שלאגען? שרייב מיר פון אלס:

דיין טרייע פרויא ליבא געוועלסזאן.

55.

אנטוואָרט.

מיינע טהייערע פרויא ליבא!

צוא דיין בערוהיגונג שרייב איך דיר דאס איך פערדין גא דאנקין

נאט. איך האב דיר קיין געלט נאך ביז יעטצט ניט גישיקט, ניט ח"ו ווייל איך האב ניט; נאר ווייל ערשטענס האב איך דאך דיר הונדערט רובל איבערגילאזען, און צווייטען וויל איך דיר אהין קיין אמעריקאנער טאהלער'ס ניט שיקען. נאך אמעריקאנער געלט דארף מען פאהרען און ניט בעקומען זיא דורך פאסט און אויסגעבין. איך ארדער זיך דא איין און וועל דיר אין צווייטען בריעף אשיפ'ס קארטע שיקען — קום צוא מיר און אטהעם דא, וויא אללע, פרייע לופט; זעה וויא מען לעבט און לעב אויך. דא קען איוד אויך לעבין, דא זייגען אללע זיכער, אללע גלייך...

דאס וואס איך שרייב ווייניג איז נאר ווייל אין אמעריקא איז ניט נאר געלט מהייער, נאר אויך צייט און ווערטער. דא רעדט מען וואס מען מיינט, אלזא דארפין ווייניג רעדען אויך שרייבען.

דיין מאן וואס [illegible]רט אויף דיין קומען מיט גליק

יצחק געוועלסאן.

56.

אמאן צוא אפרויא.

ליעבסטע טהייערסטע פרויא מיינע!

איך בין דאך שוין דא די אנדער יאהר, איך האב דאך דיר שוין צעהנדליגער בריעף געשריבען אויך ערהאלטען פון דיר, און דאך פיהל איך יעדער מאל ווען איך שרייב דיר, אבעזאנדערין פערגעניגען: מיר דוכט זיך אז איך רייד מיט דיר מונדליך. צייטינוויים גנב'ט זיך ארויס א זיפץ טיף, טיף פון הארצין — איך דערמאן זיך די גליקליכע צייט ווען מיר זיינען צוזאמען גיוועזן. ווי גוט מיר פלעגין זיך פערבריינגען די צייט, אין וועלכע איך בין פריי פון ארבייט גיוועזן... וואס קען אמענש אבער מאכען? מען מוז צופריעדען זיין ווי עס איז. איך האף אז עס וועט זיך לאנג דער צושטאנד ניט ציהען. איך וועל דיר מיט גאט'ס הילף נאך ענדע היינטיגען

זומער אבגעהיטען צו זיך, און מיר וועלן ווייטער צוזאמען זיין און פיהרען א שטילען רוהיגען לעבען. פאס מוט, זעה זיך צו: די צייט וועט אריבער פליהען — די שלעכטס וועט אוועקגעהן און מיט דעם נייעם יאהר צוזאמען וועט אויף אונז גוטס קומען.

דיין מאן, וואס טראכט נאר וועגען דיר דוד פינסקאי.

57

אנטווארט

גוטער מאן מיינער

דיין בריעף פון 3־טען מאי, וועלכען איך האב היינט ערהאלטען, איז דער אכט־און־צוואנציגסטער; אכט־און־צוואנציג בריעף האב איך פון דיר שוין ערהאלטען און צו איינע קאל געלעזען; דאך האב איך איהם ווי דעם ערשטען בריעף געלעזען, ד. ה. געלעזען און געוויינט. דו פעהלסט מיר אויף יעדער טריט, און איך פערשטעה יעצט ניט ווי בין איך נאריש געוועזען און האב דאן איינגעשטימט דו זאלסט אין לאנד אוועק פאהרען. וואס איז מיין לעבען אהן דיר? גלויב מיר אז עס איז קיין שלינג ניט ווערטה! היינט קענסטו זיך פארשטעלען ווי ווייט מיין פרייד איז געוועזען אז איך האב אין דיין בריעף געלעזען אז עס וועט אין א פאר מאנאטען ארום נעהמען א ענדע פון דעם איצטיגען צו ווארפענעם לעבען! דא זיינען שוין מיינע טרערן געוועזען פריידע־טרערן. גיב גאט דיינע ווערטער זאלן מקוים ווערן און מיר זאלן נאך האבען פרייד פאר אונזער לייד.

דיין דיר איבערגעגעבענע פרוי שרה פינסקאי.

58

א פרוי צו א מאן.

טהייערסטער שלמה!

דיינע בריעף זיינען ביי מיר א הייל מיטעל פון אלעס,

אז איך דערהאלט פון דיר אבריעף פון דיין געזונד, בין איך שוין צופריעדען. נאר דוא, מיין ליעבער, בעזט אקארגער אפטייקער — דוא צעהלסט מיר צוא דיא בריעף זעלטין און שרייבסט זעהר ווייניג; איז דאס רעכט אזויא? זאג אליין: דארף אזויא זיין?

איך אויך אונזערע גיראטענע קינדערליך, זאלין לעבין, זיינען דאנקען גאט געזונד, זייא לאזין דיר אללע געריסען זעהער הארצליך און בייגקען נאך דיר ניט ווייניגער פאר מיר.

מיט איניגע טעג צוריק האבין מיר פון דיר אגערוס גיהאט דורך א דורכפאהרער, איינער אלעווין; ער קען דיר גוט און זאגט אז דוא קענסט איהם אויך גוט — איהר קוואטירט אויף איין הויף.

צום ענדע מיין בריעף מוז איך דיר אוויכטיגע נייעס שרייבען: איך ערוואַרט אין אפאר וואכען ארום זעהער אגוטען גאסט... איך רעכין אז צוליעב איהם וועט זיך מיט דיר אין גיכען זעהען דיין פרויא

חיה פערילמאנן.

59.

אנטוואָרט.

ליעבע טהייערע פרויא!

איך בין אסור ניט שולדיג אין דעם וואס מיינע בריעף זיינען אזויא זעלטין און קורץ, עס איז איצטער דיא רעכטע צייט פון געטריידע האנדעל (תבואה), און עס טרעפט טעג וואס איך עס גאר ניט ביז אבענד, און אבענד אז איך בין פערמאטערט פאל איך שלאפען גאנץ אפט ניט אויסגיטאן — אזויא בין איך בעשעפטיגט. נו, פערשטעה אליין קען איך אפט און פיעל שרייבען.

גערים אונזערע צווייא ליעבע קינדערלעך. אויף דעם ליעבען ניכט וואָרט איך מיט דעם גרעסטין אונגעדולד; גיב גאָטט ער זאָל מיט פערגעניגען קומען, דאן וועלין מיר זיך זעהען גאנץ בעשטימט. האָב אללעם אָנגיגרייט פאר דעם גאָטט!

בין דיך עוויג ליעבענדער מאנן יונה פערילמאנן.

60.

אמאנן צוא אפריא.

טהייערסטע פרויא מיינע!

מיט פריידע האָב איך דיין בריעף גילעזין, אין וועלכין דוא שרייבסט מיר, אַז דוא אויך אונזערע ליעבע קינדערלאך בינקען וועגען מיר און הערין ניט אויף מיר צוא דערמאנען. גלויב מיר, מיינע טהייערע, אַז איך טראַכט אויך גאר וועגין אייך און פיהל זיך עלענד דא אָהן אייך.

איך וועל אין גיכען אַהיים קומען אויף צווייא וואכען; דאנן וועט זיך מיט אייך פרייען אייער אויך היים ליעבענדער

זלמן גיטעלסאן.

61.

אויף אַנ' אַנדער אַרט

נוטע ליעבע פרויא מיינע!

דעם פערגעניגען וואס איך האָב פון דיינע בריעף קען איך דיר ניט אוים שרייבען; איך וועל דיר מיינע געפיהלע מינדליך איבער געבען. דער נערום פון אונזער ליעבען קינד איז דאס איינציגעס אין דער וועלט וואס קאנקורירט מיט דיין שרייבען — דוא און דאס קינד, דאס קינד און דוא, אט דאס איז אַללעס וואס ערלייכט מיין לעבין און מאכט איהם רייצענד.

זייט געזונד, מיינע ליעבע, נאך צווייא מאנאטין וועל איך צוא אייך

קומען אויף יום־טוב, דאנן וועט בייא אונז אללעמען זיין אנ׳אמת׳ר יום טוב.

דיין מאנן מיכאל שנייאורסאן.

.62

אפרויא צוא אמאנן.

בעסטער געמאהל איזאק!

עס איז די פיערטע וואך זינד איך בין דא, איך עס און טרינק און שפאציער אם שטראנד — עס וואלט אללעס גוט גיוועז, נאר מיר פעהלט פיעל זאכען. דו וואלסט זעהען וויא אנשטענדיגע דאמען געהען דא ארוים! עס איז אפערגע־ניגען צוא זעהען. אלזא אום אללעס צוא האבען, פעהלט מיר דריי — פיער שיינע גוטע קליידער, ארעגען מאנטעל, אפאר באדע־קאסטיומען, אפרעם ווייסער זיידענער זאננען־שירעם א. ד. ג. פארשטעהסט דאך אז איך דארף אויף דעם האבען געלט, ווארום אלס איז דא טהייער, נאר געלט איז ביללינ...

דוא וועסט געווים קעננען קומען אהער ערסט אין איינינע וואכען ארום, אלזא שיק מיר וואס גיכער ארויס געלט אויף אלס.

דיין פרויא ראזע שאהאדקעוויץ.

.63

אנטווארט.

טהייערסטע ראזע!

איך האב זיך ניט געהיילט דיר אויף דיין בריעף צו אנטווארטען ביז יעטצט, אויך יעטצט שיק איך דיר נור א בריעף אלליין, ווייסטו

פאר וואס? ווייל איך בין איבערצייגט אז דוא בעטסט ניט קיין גייסטיגע זאכען: מען קען אוים קומען אהן זיא און זיין געזונד. אין דובעלין פאהרט מען ניט נאך דעם שטאט און פוטץ, מען פאהרט אום זיך צוא ערהאלען, זיך אוים צורוהען.

„אנשטענדיגע פרויען" — שרייבסטו, געהען דארטין ארוים וועהער שיין געקליידעט; איך מיין אבער אז מען דארף זיא גאנץ אנדערש רופען: אוים ברייגערקעס, מאדניצעס אדער אנזעצערקעס. אנ׳ אמת׳ע „אנשטענדיגע פרויא" פערברויכט געלט נאר אויף וואס מען „מוז", אהן וואס מען קען זיך ניט בעגעהן; אבער ניט אויף דורעס, ווייל אזויא געהט „דיע" און אזויא „יענע"—גיין, גיט דאס הייסט ביא מיר „אנשטענדיג"!..

מיר זיינען ניט קיין מיליאנערין, ניט קיין פוסטע אריסטאקראטען, וועלכע קויפען זייער אריסטאקראטיזם ביא דיע פוטצענמאכערינען און אין דיא געשעפטין פון פארטיגע קליידער. מיר זענען געוואהנליכע מענשין, אנזעטצין „וויל" איך ניט, און „וועל" ניט מיט גאט׳ס הילף; וואס מען דארף דארף מען, און וואס עס איז ניט נייטיג — דארף מען ניט!

דיין מאנן וואס בלייבט ביא זיין מיינונג איזאק.

64.

ראזע צוא איזאקן.

טהייערסטער איזאק מיינער!

זייא ניט אזויא קארג פאר מיר; איבער הויפט וויא איז דאס אמענש אזויא אויסגירעכינט וואס מען מוז און וואס עס איז איבעריג? דאס וואס איך בעט דארפסטו ניט רעכנען פאר איבעריג. איך וויים גאנץ גוט. אונזער שטאנד, אפשעוויי האסטו אז מיט איינגע יאהר צוריק פלעג איך נאר ניט טראכטין וועגין אבאדע און וועגין טואלעט. יעטצט אז גאט האט אונז צייט איינגע יאהר געהאלפען, אז מיר קענען דאס

אויספיהרען פאַר וואָס זאָל איך ניט זיין צוא לייטען גלייך? בין איך דען אַ יענטע פון גאַס?

אַלזאָ ערפילל מיין פערלאַנג, זאָל דיר דוכטין אַז דוא פערמאָגסט מיט אייניגע הונדערט רוביל וויניגער, מאַך מיר ניט אָן קיין פערדרוס און זעה איך זאָל אַללעס קענען שאַפען.

דיין פרויא ראָזע שאַחאַדקעוויץ.

.65

אַמאַנן צוא אַפרויא.

טהייערע ליעבע פרויא מיינע!

דוא ביזט געוויס אומרוהיג וואָס דו האָסט שוין צייט אייניגע וואָכען פון מיר קיין בריעף גיהאַט. גלויב מיר דאָס איך האָב דערפון ניט וויניג פערדרוס; נאָר וואָס זאָל איך טאָהן אַז איך האָב פּאָרט ניט וואָס צו שרייבען עס איז גוט צוא שרייבען פרייהליכע נייעס, פרייהליכע בריעף, אָבער ווען איך קען נאָר האָפענונג געבין דיר פאָרלייפיג, ווען קיין גוטע נייעס האָב איך ניט — וואָס זאָל איך דיר שרייבען?

דיא צייט איז זעהר שלעכט, די געשעפטין זיינען שטילל און נייע מענשען וויל קיינער ניט אָננעהמען און ער דאַרף זייא ניט. מען לייגט מיר פאָר אַ מלמד ווערין אויף אַ ישוב (אַ דאָרף), וואו פאַר מיין לערנען מיט דרייא קינדער וועל איך טיש, קוואַטיר און 20 רוביל מאָנאַטליך בעקומען, נאָר מיר ווילט זיך קיין מלמד ניט זיין, מיר דוכט זיך אַז דאָס איז שוין די ערגסטע זאַך. וויא איז דיין עצה? אויב דוא

שטימסט צוא, נעם איך דאָס גלייך אָן, וואָס קען מ'ען מאַכען ? „דער וואָס טרענקט זיך, חאַפּט זיך פאַר אַמעסער...“

דיין מאַנן פּנחס גילבא.

.66

אַנטוואָרט.

טהייערער מאַנן מיינער!

אַלס אַנטוואָרט אויף דיין אַנפראַגע, ראַטה איך דיר דיא שטעללע פון מלמדות גלייך אַנצונעהמען. דוא קענסט דאָך גוט ביידע שפּראַכען: העברייאיש און רוסית. דו וועסט געוויס פערשטעהן וויא מיט קינדער צוא לערנען. מען זאָגט דאָך אַז „אַ מלמד קען זיין אַ שטומער אויך“, דוא קענסט דאנקין גאָט רעדין, דוא וועסט גיוויס צופריעדען שטעללין דיא קינדערשע עלטערין און דאַן וועסטו אויך צופריעדען זיין.

איך מוז דיר זאָגען אז איצטער איז שוין אַראָפּ דיא חרפּה פון דעם נאָמען „מלמד“, עס איז שוין דאָ מלמדים אין קורצע רעק, אין פּאַנסנע, אין שטיוועל מיט קאַלאָסען, און אַנדערע חאַפּען זאָגאַר אָנטהאָן שבת אַ צילינדער הוט... עס קען טאַקי זיין אַז זיי קענען נאָך וויינִיגער פאַר דיא לאַנגע פּאות'דיגע מלמדים און שטעהען אין פיעל זאַכען נידעריגער פאַר זייא; אַבער אַזוי איז שוין היינט אין מאָדע אריין, רוף זיך ניט „מלמד“ נאָר „לעהרער“. רוף זיך וויא דיר פּאַסט, ציא וויא דיר פּאַסט ניט, נאָר פערדין פאַר זיך און פאַר דיין פּאַמיליע. מיט דער צייט קען גאָט געבין בעססערע גישעפטין אויך.

דיין דיר טרייע פרויא פּעריל גילבא.

.67

פּנחס צוא פּערלען.

מיין טהייערע פרויא!

„נויט—ברעכט אייזען“; איך בין אַמלמד גיוואָרען, מיין

ניט אַז עס איז אַלייכטער אַרבייט, עס איז טאקי אַנ' אַרבייט. נאר עס קען זיין אַז נאר בייא מיר, ווייל איך בין בייא „איין" בעל־הבית, ווייל איך בין ניט קיין געבארענער מלמד. ווען ניט קען איך טאקי ניט קלוג ווערין וויא האלט עס אוים אַמענ־שישער געזונד צוא לערנען מיט 20—30 קינדער וויא דיא מלמדים טוהען.

איך האָב אַז זייא וועלין פון מיר געוויס צופריעדען זיין, איך פון זייא — אויך; נאר פון דיא אַרבייט — וועל איך קיין מאל ניט צופריעדען זיין.

איך שיק דיר דא געלט, איך האב עס גענומען פאר דעם ערשטין מאנאט פאראוים. שרייב מיר אויב מלמדישע געלט נעהמט מען אויך.

דיין מאַנן פנחס גילבאַ.

68.

אַ מאַנן צוא אַ פרויא.

טהייערסטע נחמה!

וואס איז דיא אורזאכע וואס איך האב פון דיר זא לאנג קיין בריעף ניט? ווייסטו דען ניט אַז איך בין פון דעם זעהער אומרוהיג? איך וויים ניט וואס איבער צוא טראכטין, עפעס מוז דארטין זיין. אלזא שרייב מיר גלייך פון דיין געזונד און פון אונזערע ליעבע קינדערלאך; זייא זאלען אייגענהענדיג דעם בריעף אונטער שרייבען, איך האב שוין מעהר קיין גידולד ניט!

דיין אומרוהיגער מאַנן חיים גראסמאַנן.

69.

אנטוארט

מיין גוטער חיים!

דיין בריעף האב איך ערהאלטען. דוא וואונדערשט זיך וואס איך האב דיר זא לאנג ניט געשריבען, דוא ביזט דער פון זעהער אומרוהיג און ווייסט ניט וואס איבער צוא קלערין. אלזא שרייב איך דיר דאס איך און אויך אונזערע צוויא קינדערלאך זיינען דאנקען גאטט געזונד, אין הויז איז אלס אין בעסטען ארדנונג; נאר דיא קינדערלאך זאלין לעבין לאזין ניט שרייבען — איך בין מיט זיא בעשעפטיגט גאנצע טעג, און ביא נאכט אז איך לייג זייא שלאפען בין איך זעהער מיעד און פאל אויך שלאפען. דאס איז דיא איינציגע אורזאכע פון מיין ניט אפט שרייבען צוא דיר

דיין פרויא אסתר גראסמאנן.

70.

א פרויא צוא א מאנן.

טהייערער ליעבער מאנן!

איך קלויב זיך שוין אהיים צופאהרען, דער דאצע סעזאן האט זיך שוין געענדיגט. דיא ארצטע זאגען מיר אז איך בין יעטצט דאנקין גאט פאלקאם געזונד — דיא באד האט מיר זעהער פערבעססערט. אלזא, מיין טהייערער מאנן, שיק מיר צוא געלט, ווארום איך בין דא פיעל שולדיג. דיא געלט וואס איך האב פון דיר ניט לאנג ערהאלטען האט ניט פערדעקט א העלפט פון מיינע שולדען. איך האב נאר דיא שניידערין אליין אבגיצאלט איבער 50 רובעל, דיא פוץ־מאכערין 20 רובעל און נאך אזעלכע ניטיגע אויסגאבען.

שיק מיר וואס גיכער דאס געלט איך וויל שוין אהיים קומען.

דיין פרוי אסתר דרייזיל פעלצענשטיין.

71.

אנטווארט.

טהייערסטע פרוי!

איך מעג דיר אויסער רופען „טהייערע״, דו קאכסט מיר דעם זומער גענוג „טהייער״. ווי גיט מען דאס אוים אזוי פיעל געלט אויף א זעלכע סמאטעס וואס זיינען נאר „איבעריג״ אויף א פאר דאצע מאנאטען? איך וואלט דיר ראטהען דו זאלסט די „טהייערע״ חפצים אין דרוזגעניק איבערלאזען, ווארום וואו וועסטו זיי אהינטאהן?

דיינע נייטיגע חובות מוז מען בעצאהלען. איך שיק דיר דא .... רובעל און טוה מיט זיי וואס דו ווילסט, נאר קום שוין אמאל אהיים.

דיין מאן אליעזר פעלצענשטיין.

72.

א פרוי צו א מאן.

טהייערסטער מיכאל!

דער סעזאן ענדיגט זיך, אלע פאהרען אהיים און איך מוז אויך פאהרען. אבער איך שרייב דיר אפען אז עס ווילט זיך גאר פון דאנען ניט פאהרען. דו וואלסט מיר יעטצט ניט דערקענען, אזוי גוט האב איך זיך ערהוילט. א קליינינקייט ניט פיהרען דיין הויז, ניט האבען אויף זיך קיין זינד און לעבען אזוי גוט! דא איז אן אמת'ר גן־עדן.

איך האב דא געהאט זעהר גוטע געזעלשאפט; איבער דורפט מיין אנאכבאר, א שיינער יונגער מאן א דייטש, איך האב נאך אין מיין לעבען אזא פערזאן ניט געטראפען. ער איז שוין היינט אפגעפאהרען.
שיק מיר געלד וואס מעהר.

דיין פרוי ליזא קאלמענסאן.

5.

בריעף פון פריינד.

73.

צו א פריינדין.

בעסטע קלארע!

אלס איך בין אין אייראפא גיוועזען ביזטו מיינע בעסטע פריינדין גיוועזען, פאר וועלכע איך האב אלעס אויסדערצייהלט. און יעצט אז איך בין אין אמעריקא ביזטו אויך די איינציגע פאר וועלכע איך מוז אלעס וואס ביי מיר קומט פאר אויסשרייבען.

אין דיעזען בריעף מהייל איך דיר מיט א וויכטיגע נייעס: איך בין פערלאבט זעהער גליקליך! מיין ברויטיגאם איז א שיינער א רייכער און א גוטער מענש. אויף בילדונג קוקט מען דא ניט — מען דארף א מענש זיין, פייהיג זיין צו געשעפט און צו פיהרען א הויז און דאס אלעס איז ער פאלקאם.

מיר האבען זיך אויף א חתונה דערקענט, איך בין איהם גיפעהלין גיווארען און ער — ווי אן אמעריקאנער, אהן

קינדער – האט מיין האנד געבעטין אין אויך ארום. ער האט געבעטין נור מיין האנד, אבער איך האב איהם אויך מיין הארץ געגעבין...

דיין פריינדין מאניא ראזענבלאט?

74.

אנטווארט.

ליעבסטע מאניא!

איך גראטולירע דיר! איך ווינש דיר עוויג גליקליך צוא זיין מיט דעם וואס דוא האסט מיט דיין האנד בעגליקט. אמעריקא איז פארט א גליקליכער ארט! דוא ביזט דארטין אין גאנצען 5 מאנאטין און האסט שוין אזא גליקליכע פארטייא געמאכט.

איך האב גלייך אללעמען אנגעזאגט דיא פריידליכע נייעס, אללע ווינשען דיר גליק און זעגנין מיט דיין הארציגס געליעבטען צוזאממען.

שרייב ווען וועט מיט גליק אייער חתונה זיין; איך האב מיר געמאלט פארגעשטעהלט אז איך זאל אויף דיין חתונה ניט זיין. א מענש קען אבער ניט אויס רעכענען: אט ביזטו אין אמעריקא אוועק און ווערסט א אמעריקאנקא.

גריס דיין ליעבען געמאהל אין מיין נאמען; איך בעט איהם ער זאל דיר אימער ליעבען און שעטצין וויא דוא ביזט ווערטה.

דיין פריינדין קלארע שפרינצאן.

75.

מאניא צוא קלארען.

ליעבע גוטע קלארע!

איך האב מיין יאקאב דיין גערוסס איבער געגעבין, ער

האט אויך בייא מיר דיין פאטאגראפיע בילד געזעהן ער זאגט אז ווען דו זאלסט אין אמעריקא קומען, וואלסטו אויך א גוטע פארטיי געטראפן. איך מיין אויך אזוי. דו האסט דאך דא א ברודער און א שוואגער, מאך די רייזע — יעטצט דער אנפאנג פון זומער איז דערצו די בעסטע צייט.

קום, ניט אנדערש! איך האב א גוטען צוקונפטיגען שוואגער דו וועסט איהם געפעהלין און ער דיר אויך. א שדכנטע וועל איך אליין זיין. קום, מיינע טהייערע, קום און מיר וועלין זעהען אייגע אויף די צווייטע נאר גוטס.

דיינע דיך שעטצענדע טאניא.

76.

צו א פריינדין.

ליעבע בעסטע סאפיא!

דוא האסט מיר פיעל פערגעניגען פערשאפט מיט דעם וואס דו שרייבסט אז מיינע בריעף פערשאפען דיר איבער פערגעניגען. א הארץ פיהלט א הארץ — ביי מיר איז פראסט א יום טוב דער טאג אין וועלכין איך ערהאלט פון דיר א בריעף, און אויך ווען איך שרייב דיר א בריעף. מיר דוכט זיך אז אזא איבערגעגעבענע פריינדין ווי איך בין דיר, האסטו ניט נאך איינע; אלזא איז מיין וואונש דאס אונזערע בריעף זאלען נימאלס אויפהערין.

ביין פריינדין רחל גוטקינד

77.

צוא אפריינד.

ידיד יקר ונחמד!

פאר מיין אפרייזען האב איך דיר פערשפראכען אפטע בריעף צוא שרייבען, נאר איך האב ניט גיהאלטען ווארט: עס איז שוין אכט וואכען וויא איך בין דא און האב דיר נאך ערשט איין קליינעס בריעף וועגען מיין אנקומען נאך אפריקא געשריבען. דוא האסט שוין גיוויס גימיינט אז איך בין גיווארען אפאלגער איינגלענדער און שעם זיך ניט מיט אליעגען, עס איז אבער ניט אזוי! איך האב דיר ניט געשריבען ווייל איך האב ניט גיקענט שרייבען אדער ניט גיהאט וואס צוא שרייבען. דיא אונטערשטע שורה איז אז — אין אפריקא ליגט אויך ניט קיין גאלד אויף דיא גאסען. ביז מען קומט אין אפריקא טרייסילט זיך זאגאר אוים דער מאגען, אבער קוים קומט מען שוין אויף אנ' ארט ווייזט דער מאגען אז ער איז דא. ער קוקט גאר ניט וואס אפריקא איז דיא גאלד־לאנד און ער וויל פשוט זיינם... ער — דער מאגען — איז אשלעכטער מאגער. ער ווארט ניט אויף מארגען, איהם קען מען ניט מסלק זיין מיט ווערטער.

יעצט זעהט זיך מיר עפעס אהאפנונג ווייזען אז איך וועל אי״ה זיך בעזעצצין וועל איך דיר אפט שרייבען. שרייב פון זיך.

ידידך אהרן טענענבוים.

78.

אנטוואָרט

טהייערסטער פריינד אהרן

איך מוז דיר שרייבען אז איך האב גאר ניט אנגעפאנגען צווייפלען אין דיין וואָרט, אונ איך גלויב אז אין ענגלאנד איז אויך דא אמת'ע מענשין. איך האב פערשטאנען אז דיא ערשטע צייט בעפאר מען ארדענט זיך איין איז ניטא וואס צוא שרייבען און וועז צוא שרייבען. דאנקען דעם עוויגען וואס דיר ווייזט זיך אהאפנונג. געוועגשט איז דיא לאנד וואו מען קען חאטש האפען! גיבע גאט דוא זאלסט צופריעדען זיין מיט אפריקא.

פון זיך וואס זאל איך דיר שרייבען? איך הארעווע וויא אנ' עזעל און האב וואס פרעה האט גיהאט... מאך דוא נאר דארטין א לעבין וועלין מיר זיך דורך שרייבען, פילייכט וועל איך אויך געהן אין אפריקא.

דיין פריינד מרדכי נאמזע.

79.

צוא אפריינד.

מיין בעסטער פריינד רפאל!

וואס מאכסטו, ליעבער פריינד? שוין לאנג, לאנג האבען מיר זיך ניט דורכגעשריבען! נאר ווי איך געדיינק ביזטו מיר אבעל חוב געבליבען — דו ביזט מיר שולדיג אן ענטפער. דו ביזט אבער אין שרייבען א שלעכטער צאהלער, אלזא ווייז איך דיר אז גוטע פריינד קוקען אויף קיין זאך ניט און איך גיב דיר פון דאס נייע אקאנטע — איך שרייב.

וויא לעבסטו, וויא געהט דיר און מיט וואס בעשעפטסט?
פינגסט דוא זיך? איך בין זעהער גערן דאס אללעס צוא וויסען.

אין פערלויף פון צוויי־דריי חדשים דארף ביי מיין עלטסטע טאכטער מיט מזל חתונה זיין, אלזא וועל איך דיר, ליעבער פריינד, דערמונטערן א ביסיל אונ אויפוועקן פון דיין שלאף. דו וועסט דאך ביי מיר דער בעסטער און ערשטער גאסט זיין.

דיין פריינד מיכאל בערנשטיין.

60.

אנטווארט

ידידי היקר מיכאל!

מיינס אלס מיר זיינען אללע ביא מיר אין הויז ביא מייא גיזעסין, האבען מיר גראדע וועגין דיר גירעט. וואס קען דאס זיין — האט מיין פרויא גיפרעגט — וואס בערנשטיין האט אויף גיהערט צוא שרייבען? איז ער בייז אויף אונז אדער ער האט אונז פערגעסין? איך האב איר אויף דיא ווארהייט קיין ענטפער ניט גיהאט צוא געבין, נאר דער בריעפענטרעגער האט מיר פון פערלעגענהייט בעפרייט — ער האט מיר דיין בריעף דער לאנגע אויף וועלכען איך האב שהחינו גימאכט.

מיר זיינען אללע דאנקין נאט געזונד, פרנסה ניט צוא פערדרינען האבען מיר, און אזויא לעבין מיר זיך דא אין דיא קליינע שטעדטיל. גיוואהנליך קומט עס ניט צוא דיין לעבין אין פעטערבורג, נור מיר ישוב׳ניקעס בעגנוגען זיך מיט דאס וואס מיר האבען.

אויף דיין טאכטערס חתונה וועל איך קומען מיט מיין פרוי, זי זאגט אז דו ביזט דאס ווערט.

אלע מיינע גערינסען, דיין גאנצע פאמיליע.

דיין פריינד, רפאל ראבינאוויץ.

81.

מיכאל צו רפאל'ן.

בעסטער פריינד רפאל

גאנץ גוט, איך בין צופריעדען! אונזער אלטע פריינד־שאפט איז זיך אוים גילעגין ביז אצייט, יעצט האבין מיר איהר אוים גילופטערט, און זיא וועט ווידער פריש זיין.

מיין פאמיליע זיינען אונענדליך צופריעדין פון דיין מיט־טהיילונג דאס איהר זייט אללע געזונד און האט פרנסה. מיין טאכטער דיא כלה זאגט אז איהר קומט אדאנק—ווען זיא וואלט דעם חתן ניט וועלין, וואלט זיא קיין כלה ניט זיין, און ווען זיא וואלט קיין כלה ניט זיין, וואלט איך דיר אויף חתונה ניט גיבעטין, און וואלט פילייכט נאך ניט צוקלייבען זיך צו שרייבען צוא דיר. דער חתן אבער זאגט אז דער דאנק קומט איהם. איך האב זייא אבער גיזאגט אז דער דאנק קומט דיין גוטע פרויא, וועלכע רופט זיך אוים אויף חתונה צוא קומען, אלזא דאנקען מיר איהר אללע.

דו שרייבסט אז דיין לעבען אין קארסאווקא קומט ניט צוא מיין לעבען אין פעטערבורג. דאס איז א טעות! מען דארף ניט ערגער וויא וואהנען אין א גרויסע שטאדט; מען

לעבט ניט וויא מען וויל, עס איז אלס וויא מיט א מאשין געמאכט. זאגאר דער פיהרונג אין הויז... ניין, ליעבער פריינד, גיטא וואס מקנא צוא זיין.

דיין פריינד מיכאל בערנשטיין

82.

צוא א פריינד.

בעסטער פריינד

אין מיין יעטצטיגע שלעכטע לאגע האב איך זיך ניט צוא וועמען און וואו צוא ווענדין אויסער צוא דיר. דוא האסט מיר אמאהל אין דיא גוטע יאהרען פיעל טובות געטאהן, דאנן אלס מיר איז גוט געוועזן און איך האב פיעל פריינד געהאט. דוא אליין, רעכין איך וועסט מיר יעטצט אויך ניט אבזאגען, יעטצט — ווען דיין פריינדשאפט צוא מיר קען מיר מיין פינסטערע לאגע דערלייכטען:

איך וועל דיר פיעל ניט אנריידען, קורץ און שארף: איך בין אן ארום-מאן! פון מיינע אללע געשעפטין האט זיך אויפגעלאזין דאס איך בין אהן אקאפיקע געבליבען... איך בין זאגאר נאר אפאר פאלק, אבער צוויא מענשין דארפען אויך עסען כל זמן זייא לעבין.

גלויב מיר, ווערטהעסטער פריינד, אז דעם ביטערין

זעהט וויס נאך ביא מיר דער ניילע.קיינער ניט, איך האב
דאס נאר דיר אנדעקט.

דיין אונגליקליכער פריינד

בנימין שערשעווסקי

83.

אנהנוארם.

טהייערער פריינד בנימין!

איך בין אויכער זיך פון דיין בריעף, ער האט מיר וויא אקויל גיטראפין! דוא, מיין בעסטער פריינד, ביזט אזויא אונגליקליך? דוא דארפסט ליידען וועגין אונטער האלטען דעם לעבין פון דיר מיט דיין פרויא? אה, וואס מיינע אהרען הערין!..

נאר מיט קינות איז מען ניט זאט... איך שיק דיר 200 רובעל, גאטט וועט דיר העלפין וועסטו מיר זייא אבשיקען; און אז דיא געלט וועט ביא דיר אויסגעהן וועל איך דיר נאך לייען. שעם זיך ניט פאר מיר — אויסער מיר וועט עס קיינער ניט וויסען.

דיין פריינד בונם אימיאניטאוו

84.

בנימין צוא בונם'ן

מיין טהייערער פריינד!

דוא האסט אונז. ד. ה. מיר און מיין גידערנישלאנגע

פרויא א נשמה אביין גיזעצט. יעטצט פערשטעה איך וויא ריכטיג עס איז דער שפריכווארט: א נוטען פריינד דער קענט מען אין א שלעכטע צייט... יעטצט אז איך האב ניט גיהאט צוא וועמען צוא ווענדען זיך, אז מיר איז גיקומען גאנץ שלעכט, האסטו מיר וויא דיא זאנן דיא פינסטערע נאכט ערלייכטען. גאטט זאל דיר העלפין, דוא און דיינע ליעבע קונדער זאלט צייט אייער לעבין פון שלעכט׳ם ניט וויססען.

ביא מיר איז גבליבען איך זאל מיין הויז פערקויפען, ווארום צוא וואס קען זיא מיר נוטצען אין דיא קליינע שטעדטיל? איך וועל פאר איהר נעהמען אפאר הונדערט רוביל, און וועל מיט דיא געלט ארויס פאהרען אנדערש וואו. וואו מען קען מיר ניט — דארטין וועל איך אקליין געשעפטיל עפפענען און וועל לעבין. וויא איז דיין עצה? שרייב.

דיין פריינד בנימין שערשעווסקא

85.

בונם צוא בנימינ׳ן.

מיין בעסטער פריינד

דיין פלאן גיפעהלט מיר. אין לוצין קענגען דיר אללע יעטצט פאר אגיפאלענעם בעל־הבית, דאס איז ניט מקנא צוא זיין! דארטין אבער אין אפרעמדע שטאדט וועסטו זיך עפענען נאך דיין קאפיטאל נאך אגישעפט. איך וועל דיר שטיצען וויא וייט דוא וועסט פערלאנגען, און גאט וועט דיר

העלפין. וואס קען דיר געבין דיין הויז אין וויסטע שטעדטיל לוצין? בעססער אבייקער שכן איידער אני אריטער בעל הבית..

דיין פריינד בונם אימיאניטאוו.

88.

בנימין צוא בוניז

שהייערער פריינד!

דיין באטה איז וויא פון א פריינד. איך בין ארוים פון לוצין אין קארסאווקא; דאס איז גיוועזן א דארף ביז יעטצט, וואו א איד האט ניט גיטארט וואהנען, דאס הייסט בעזעטצין זיך. יעטצט איז עס אבער גיווארען א קליין שטעדטיל עס זיינען אנגיפארען אחינו בני ישראל פון פיעל שטעדט, וואו זיי ליגען נעבאך פערפאקט ווי הערינג אין א טון — עס איז גיווארען א פיינע שטעדטיל. איך האב זיך שוין אויס־גיזעהען א גישעפט: איך וויל עפענען א בוכהאנדלונג. איך האב דער־לאנגט א ביטשריפט צוא דעם גובערנאטאר ער זאל מיר דאס ערלויבען; און האף אז איך וועל דאס בעקומען. פאר מיין הויז האב איך גינומען 800 רובל, אלזא שיק איך דיר אב מיט דאנק דיינע 200 רובל. אויב צום גישעפט וועט זיך פאדערין נאך געלט, וועל איך באגן בייא דיר לייען.

דיין פריינד בנימין שערשעווסקי.

6.

שדוכים בריעף

87.

צוא אשדכן.

ידידי ר' מנחם ארזעלקאווסקי!

אזוי וויא איך האב אגראטענע טאכטער, א פארשוין און א קענערקע, וועלכע איך בין געריט צוא געבין 500 רו"כ אין מזומן אויף צוויא יאהר קעסט, בעט איך אייך מיר א גוטען שדוך פאר צוא לעגען. איהר קענט מיר גוט און איך וויס אז אויף אייך קען מען זיך פערלאזען — איהר זייט דאך א בעל הבית אשדכן

אייער פריינד יצחק פיינבערג

~~~~~~~

88.

אנטוואורט.

ידידי ר' יצחק!

אויב עס איז אללעס ריכטיג וויא איהר שרייבט (ווארום אייער בריעף איז געשריבען 1 אפריל...), האב איך פאר אייך א גוטען חתן. א שיינער בחור פון א פיינע פאמיליע — א מלמד'ס א זאהן; ניט קיין פראסטער, ניט קיין בעל מום ח"ו, און דער צוא א פארדינער, וואס ביי אונז רופט זיך א „ברויט-געבער". שרייבט מיר וויא מען רופט די כלה.

ידידו מנחם בהר"ב ארזעלקאווסקי

~~~~~~~

89.

אשדכן צו אמחותן

כבוד הג׳ ר׳ עזריאל.

אזויא וויא איך האב גיהערט פון איינגע מענשן אז איהר האט אבת יחידה. וועלכע איהר גיט 30־40 טויזענד רובל נדן; דיא מדברת, וויא מען זאגט, איז זאגאר ניט קיין אויסנאהמע, ניט אין שיינקייט און ניט אין בילדונג נאר איהר ווילט דאס פארדעקין מיט טויזענדער — דאס איז, מוז איך אייך זאגען, אגוטער דעקטוך: מען קען דער מיט פערדעקען אהייקער אויך... איז מיר איין גיפאלען אייך אשדוך פאר צוא לייגען. שרייבט מיר נאר אויב עס איז אמת אז איהר זוכט אויך נאר געלט. אויך זייט מיר מודיע פאר אוים אויב איהר וועט מיר אומקערין רייזע קאסטען, וועל איך צו אייך אראפ פאהרען דורכרעדען זיך און זעהן אגב דיא מדברת.

מיט עהרען געפיהלע אליעזר סאנדאמירסקי

90.

אנטווארט.

כבוד השדכן ר׳ אליעזר

איך האב אייך ביז היינט ניט געענטפערט ווייל מיין בוכהאלטער איז ניט גיוועז צוא הויזע, און איך בין, לא עליכם, ניט קיין גרויסער בריה אויף שרייבען, פאר אשדכן מוז מען דאך דעם אמת זאגען. מיין טאכטער גיב איך 30—35 טויזענד רובל נאר דער יונגער מאן זאל

איך האבען ניט ווייניגער וויא 20 טויזענד, און זאל זיין פון אגרויסע שטאדט. מיין טאכטער, פערשטעהט איהר, איז אין אקליין שטעדטיל ערצויגען, אלזא וויל איך זיא זאל זיך לכל הפחות ענטוויקלען אז זיא וועט פון מיר ארויס. איך גיב געלט און פאדער געלט. הוצאות וועל איך אייך אופקערין צוא תנאים, פריהער — אגראשין אויך ניט.

ידידו עזריאל שווייגמאן

91.

צוא אשדכן.

להשדכן ר' מאיר!

אהן אייך, ר' מאיר קען קיין יונגער מענש זיך ניט בעגעהן, איהר מוזט אין מיטען זיין אום אזאך זאל אויס־געפיהרט ווערין. און פאר וואס זאלט איהר טאקי ניט פער־דינען? איהר טוהט דאך דאס ניט נור פון מצוה וועגען!.. איך מוז אויך היינט צוא אייך אנקומען: "דעם יצר הרע און א שדכן האט מען ניט האלט. און מען פאלגט זייא" — זאגט זיך אווערמיל.

די זאך איז אזוי: איך ליעב ר'.... טאכטער; זיא מיר — אויך, ד. ה. מיר ווילען ביידע. נאר מען דארף דאך אבער זעהען אז די עלטערין זאלין אויך וועלין; אט קומט מען אן צוא אייך, ר' מאיר! אלזא פערשטעהט וואס איהר האט צוא טאהן...

צעהן קערבליך הוצאות האט איהר דא גלייך מזומן. און אויף להבא מעגט איהר זיכער זיין — איך וועט דער עסק ליינען.

יוסף ליעבערמאן

92.

אנטוואָרט.

להבחור המפורסם יוסף!

מיר פרייהט זעהר וואס איהר פערשטעהט מיין ווערטה, איך האף אז איהר ועט עס נאך בעססער פערשטעהן — ר׳ מאיר קען אפ־ארבייטען אשטיקעל ארבייט, איך בין גיוועזן, געריעדט און עס איז קרוב למקח. מען האט שוין גישיקט אנפרעגין און איך האב שוין וועגין דעם גישריבען מיין א שותף א ביאליסטאקער שדכן.

ידידו ר׳ מאיר אקסעלבאד.

7.

אנפראגע — בריעף

93.

ידיד יקר!

מען לייגט מיר פאר אשדוך פאר מיין טאכטער מיט ה.... אזאהן. אלזא בעט איך אייך, בעסטער פריינד, מיר אללעם געניי וועגין דיא פאמיליע און דעם יונגען מאנן צוא שרייבען. איך פערלאז מיך אויף אייך ווילע איך ווייס אז אויף אייך קען איך זיך פערלאזען.

אייער פריינד, וואס ערוואַרטעט אייער אנטוואָרט

חיים מייזיל.

94.

אנטוואורט!

בעסטער פריינד ר' חיים מייזיל!

איך האב וועגין דעם ענין וואס איהר האט מיר געשריבען גוטע אויסקינפטע בעקומען — גוט פון אללע זייטען! מען מוז מודה זיין אז א שרכן קען אויך אמאהל פאר ליגען א גלייכע זאך, דער ענין גיפעהלט מיר זעהער. איך באטה אייך נאך ביא וועמען אויך צוא פרעגין, „איין עצה איז גוט — צווייא נאך בעססער"!

ידידו שמעון גאלדבערג.

95.

אויף אנ' אנדער ארט.

מיר טוהט לייד, מיין פריינד, וואס איהר האט זיך וועגין אויסקינפטע איבער דיא פאמיליע № 8 צוא מיר גיווענדעט, „איך" קען אייך קיין גוטען מיינונג ניט געבין. קיין שלעכטס רייד איך ניט, ווארום איך האב ניט וואס.

אייער פריינד, וואס שטעהט אייך צוא דינסט

יעקב חמילעווסקי.

96.

אויף אנ'אנדער ארט.

דיא הויז א' א' א' אויף וועלכע איהר פרעגט ביא מיר און פערלאנט זיך אויף מיין מיינונג, האט מיר אויך דאס וועלכע געשריבען: זייא פרעגין ביא מיר אן אויף אייער זאכען, אויף אייער הויז און פערלאזען זיך אויף מיר. אלזא שרייב איך אייך ביידען דעם וועלביגען נוסח: מיר גיפעהלט דיא זאך זעהער פאר פאסענד. און איך פערשטעה אז דאס

האט פאר גילייגט א סוחר׳ישער מענש, ניט א פלוידערזאק א שרקן ניב גאטט דאס זאל מיט מזל אויסגיפיהרט ווערין אין א גוטע שעה!

אייער פריינד פון טיפען הארצען דוד מלקין.

8.

איינלאדונגס־בריעף.

97.

בעסטער פריינד!

עס איז גיקומען א צייט וואס דוא קענסט מיר ווייזען וויא ווייט דיין פריינדשאפט צוא מיר איז, און וויא נייט דוא גידיינקסט מיר — ביא מיין עלטערין זאהן וועט אי״ה אין טעג ארום חתונה זיין מיט מזל. דוא ביזט ביא מיר פון דיא ערשטע געסט פערעכינט. אלזא מאך זיך רייזע פערטיג; דיא חתונה וועט זיין אין מינסק, אז מיר וועלין צרוים פאהרען וועל איך דיר דעפעשירען, דוא וועסט אויף דעם באהן קומען און וועסט מיט אונז מיט פאהרען.

דיין פריינד דניאל זאלקינד

98.

אנטווארט.

טהייערער דניאל!

דוא פערשפארסט מיר פיעל צוא בעטין, איך וועל אי״ה גיוויס מיט אייך פאהרען אויף חתונה און מיר וועלין טאקי גוט פערברייגגען.

דערפֿעשיר מיר נאר מיט א טאג פֿריהער מיט וועלכין צוג איהר וועט דורך האמעל פֿאהרען, איך זאל קענען מיין געשעפֿט אין ארדענונג איבער לאזן אויף דיא עטליכע טעג.

דיין פֿריינד אברהם שאמבאדאש.

99.

איינלאדונג צוא א תנאים.

בעסטע פֿריינד!

אונזער ליעבע טאכטער ווערט מיט מזל א כלה, מיר טוהען א פארטייא נאך אונזער וואונש. דעם קומענדיגען דיענסטאג וועט זיין תנאים, אלזא בעטין מיר אייך אונז צוא בעעהרען מיט אייער ערשייגען צוא אונז, און אטהייל געהמען אין אונזער הויז יום־טוב;

אייערע פֿריינד, וועלכע זיינען בעבייט אייך מיט דאס זעלבע צוא דיענען צוא יעדער צייט.

נחמן און חיה שגייאורסאהן

100.

צוא א ברית.

בעסטער פֿריינד!

גאט האט מיר מיט אזאהן בעגליקט, געסטערין דאס פֿארגענס האט מיין ליעבע פֿרויא מיר אזאהן געבארען.

אונזער פריידע קענסטו זיך פארשטעלין. אלזא בעט איך דיר ניט אנדערש צום ברית צוא קומען.

דיין פריינד זלמן גייהויז

9.

גראטולאציאן בריעף.

101.

בעסטער פריינד!

דיין פערלאבונגס־קארטע האב איך ערהאלטען, איך ווינש דיר דאס איינציגעס: עס זאל ערפילט ווערין וואס דוא און דיין געעהרטעסטע ברויטע ווינשט זיך זעלבסט.

דיין פריינד בארים שאטענשטיין

102.

ליעבער ברודער!

דיין בריעף אז ביי דיר איז מיט מזל אזאהן געבארען געווארען, האט אונז אללעמען זעהר גיפרייט. גיב גאטט דוא זאלסט איהם ערציהען פרום פאר גאטט און גוט פאר לייטען, ד. ה. א פריידע פאר זיינע עלטערין.

דיין ברודער גרשון בידערמאנן.

103.

ווערטהעסטער פריינד!

איך גראטולירע אייך אויך דיא יונגע פאאר, גיב גאטט
איהר און זייא זאלט נאר פערגעניגען האבען פון זיך.

האבאכטונגספאלל יצחק פערילשטיין.

104.

בעסטער פריינד!

אייער בריעף דאס איהר האט א נייעס הויז געקויפט, האט מיר
זייער גיפרייט. איך ווינשע אייך איהר זאלט גליק האבען אין אייער
ווירטשאפט און דער גליק זאל בייא אייך א שטענדיגער שכן זיין.

אייער פריינד לעאן מירמילשטיין

10.

געשעפטס בריעף.

105.

הערין א. בירמאן!

איך בעעהרע מיך אייך מיט צוא טהיילען דאס איך האב
א גרויסען געשעפט פון מאנופאקטור גיעפינט. בייא מיר איז
צוא בעקומען אללע לאדזער, טאמאשאווער, ביאליסטאקער
און מאסקעווער סחורות. גיוואהנליך וועל איך אלס אנפאנגער

ניעדעריגערע פרייזען רעכנען. איך האף איהר וועט מיר מיט א רשימה בעעהרען, און וועט געשעפט שליסען מיט מיין פירמא „ביירפעלד עט קאמפ".

מיט אכטונג בערנארד ביירפעלד.

106.

ווערטהער הערר № №

איך שיק אייך רעטור (צוריק) 6 שטיק טוך, וועלכע איך קען ניט איבערלאזען ביי זיך — זייא זיינען פערלעגענע און אויך דער מוסטער איז געשמאקלאז.

ביטע קרעדיטירען מיין קאנטא אויף זייער ווערטה.

אכטונגספאלל פייביש יאעלסאן.

107.

אנטווארט.

געעהרטעסטער הערר!

איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט מיט אייער בריעף פון 15 ד. מ. איהר האט דאך אלליין דיא טוך אויסגעקליבען — קיינער האט אייך ניט איין גירעדט און ניט געניית. איהר האט אויך גיזעהען אז מען האט ביי מיר אין אייער געגענווארט דיא סחורה געדונגען; וואס זשע ווילט איהר יעטצט?

מיינע סחורה איז ביי מיר קיין בראק ניט, איך נעהם עס אן, און קרעדיטיר אייער רעכנונג אויף איהר ווערטה אבצוגליך אומקאסטען

האכאכטונגספאלל א. ה. קאפלאן.

108.

הערדין ב. נ. שליט!

אלס אנטוואָרט אויף אייער אנפראגע איבער דיא פרייזע פון פלאכס, קען איך אייך שרייבען דאס דיא לעטצטע צייט איז ניט צום בעסטין. נאָר אויב דיא סחורה איז זעהער גוטע קען מען דורכקומען. שיקט אפראבע, און אלעטצטין פרייז. אין ערוואַרטונג אייער אנטוואָרט ק. צולינדער.

109.

הערדין א. א.

איך שיק אייך דא א באהןקוויט אויף א וואגאן מעהל; קארען איז יעטצט געשטיינען, אלזא איז מעהל טהייערער. איך האב אויף אייך אויסגעשטעלט אוועקסיל הערדין שאצקעס אין דווינסק. ביטטע מיר בעריכט געבען וויא אויך דיא מעהל געפעהלט.

מיט אכטונג מיכאל קאטעגאן.

110.

הערדין א. א.

שוין פיער וואכען אז איך האב אייך דיא וואַרע ארויס געשיקט, און איהר האט נאָך ניט געלייזט. איך קען ניט פערשטעהן דיא אורזאכע פון דעם. אלזא בעט איך אייך אויסקויפען דיא וואַרע — מאכט ניט אן זיך קיין קאסטען און מיר קיין פערדרוס.

אייער פריינד גרשון העפנער

111.

אנטווערפען

ווערטהעסטער הערר,

איהר מאכט זיך עפעס תמ׳הואטע. איך האב דאך אייך געשריבען נאך 20־טען אז אויף דיא אונגיהערטע פרייזען וועל איך דיא סחורה ניט אויסקויפען, און איהר קענט זיך איהר צוריק ציהען — טען קריגט סחורה פאר געלט!

אלזא, הערר העפנער, אויב איהר ווילט ציט אב פון נאכנאהמע 12 פראצענט וועל איך דיא סחורה אויסקויפען, ווען ניט נעהמט זיך איהר געוואנדערהייט צוריק.

אכטונגספאלל ר. וואלערשטיין

112.

הערריין № 88

מיר וואונדערט וואס איך האב פון אייך זא לאנג קיין בעשטעללונג ניהאט. איך האב יעטצט פיעל פרישע נ[illegible] ווארע בעקומען. שיקט. מאכט בעשטעללונגען. [illegible] שלאפט איהר?

אייער פריינד שמואל אלקסנדראוו.

113.

אנטווערפען.

הערריין [illegible] [illegible]!

[illegible] איהר [illegible] [illegible] איין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

וואלט איהר זיך גיווים מעהר וואונדערין אויף דעם וואס מען מאכט דרייא מאהל אין יאהר בעשטעללונגען. מען הייבט ניט אהן צוא לייזען, מיר זיטצען אין דיא קראמען און נארטען — אויף משיח'ן.

אייער פריינד בן־ציון קאוענאקי

114.

בעסטער פריינד!

מיר פרייט זעהער וואס איהר פערבינט מיט מיר געשעפט, איך האף איהר וועט אויך פון מיר צופריעדען זיין וויא אללע מיינע קונדען. מאכט בעשטעללונגען, פאדערט נארע — מיר וועלין מאכען מסחר.

מיט אכטונג געברידער אוריסאהן

11.

בריעף פאר קינדער.

זייא זאלען זיך אויסלערנען לעזין זשארגאן גידרוקטע און גישריבענע.

1.

א אינגעל צוא זיין חבר.

צוא מיין פריינד אברהם!

לאז זיך ניט בעטין היינט אבענד, אבט אזייגער אויף מיין נעבורטס־טאג, עס וועט זיין דער גאנצער חדר אונזוערער. מארגען וועלין מיר דאך אין הדר ניט געהן, קענען מיר היינט אביסיל שפעטער אויף זיין.

דיין חבר בער נאטקין.

1. אינגעל צוא זיין חבר:

צו מיין פריינד אברהם!

לאז זיך ניט בעטען היינט אבענד, קומט אונזער אויף מיין געבורטס-טאג, עס וועט זיין דער גאנצער חדר צוזאמען. מארגען וועלען מיר דאך אין חדר ניט געהן, קענען מיר היינט אביסעל שפעטער אויף זיין:

דיין חבר בער נאטקין.

2.

צוא אַחָבֵר.

לייה מיר אַפעדער. איך האב זיך ניט ארומגיזעהען צוהויזע. איידער איך בין אין חדר גיגאַנגען, אַז מיין פֿעדער איז צובראָכען. יעטצט פון חדר קען איך ניט געהן קויפען, דער לעהרער זאל ניט בייז ווערין אויף מיר. מאָרגען וועל איך דיר מיט אַדאנק אָפּגעבין צוייע פעדער.

דיין פריינד גד מערלינסקי.

צוא א חבר.

לייה מיר א פעדער. איך האב זיך ניט ארומגעזעהען צוהויזע, איידער איך בין אין חדר גיגאַנגען, אז מיין פעדער איז צובראָכען. יעטצט פון חדר קען איך ניט געהן קויפען, דער לעהרער זאל ניט בייז ווערין אויף מיר. מארגען וועל איך דיר מיט א דאנק אָפּגעבין צוויי פעדער.

דיין פריינד גד מערלינסקי.

3.

אַשִׁילֶער (תַּלְמִיד) צוּא אַלֶעהְרֶער׃

למורי הנכבד...

איך קען היינט אין חדר ניט קומען, דיא מוטטער האט מיינע שיך גינעבען פערריכטען. אלזא זאלט איהר אויף מיר ניט ווארטען. שיקט דורך דעם איינגעל מיין תנך אויך מיין תולדות ישראל, איך וועל ווידערהאלען (איבער חזר'ן) וואס איך האב דיא פאריגע וואך גילערינט.

אייער תלמיד דניאל אפפענהיים.

א שילער (תלמיד) צוא א לעהרער

למורי הנכבד...

איך קען היינט אין חדר ניט קומען, דיא מוטטער האט מיינע שיך גיגעבען פערריכטען. אלזא זאלט איהר אויף מיר ניט ווארטען. שיקט דורך דעם איינגעל מיין תנך אויך מיין תולדות ישראל, איך וועל ווידער-האלען (איבער חזר'ן) וואס איך האב דיא פאריגע וואך גילערינט.

אייער תלמיד דניאל אפפענהיים.

4.

צוּא אַלֶעהְרֶער.

מהייערסטער לעהרער!

איך דאנק אייך זעהר פאר אייער געשיינק, מיט וועלכין איהר האט מיר בעעהרט נעכטין צוא מיין געבורטס־טאג. דיא עלטערין און איך האבען זיכער גירעכינט או איהר וועט קומען. דער „בריעפענ־"

שטעללער״, אייער געשאנק, וועט מיר פיעל נוטצען ברייננען
אייער שילער הירש וואלדענבערג.

צוא א לעהרער.

טהייערסטער לעהרער!

איך דאנק אייך זעהר פאר אייער געשאנק, מיט וועלכין איהר האט מיר בעעהרט נעכטין צוא מיין געבורטס-טאג. דיא עלטערין און איך האבען ניכט גירעכינט אז איהר וועט קומען. דער „בריעפען-שטעללער״, אייער געשאנק, וועט מיר פיעל נוטצען ברייננען
אייער שילער הירש וואלדענבערג.

5.

צוא אַחָבֵר.

שלום מיין פריינד!

איך האב מורא צוא געהן אַליין בייא נאַכט פון חדר, אַלזאָ וואַרט אויף מיר אין דיין חדר און מיר וועלין גלייך אַהיים געהן. מיר הערין אויף לערנען פונקט אַכט אוהר, און אין פינף מינוטען וועל איך בייא דיר אין חדר זיין — וואַרטען לאנג אויף מיר וועסטו ניט דארפען.

דיין פריינד וואלף גוטקינד.

צוא א חבר.

שלום מיין פריינד!

איך האב מורא צוא געהן אליין בייא נאכט פון חדר, אלזא

ווארט אויף איר אין דיין חדר און איר וועלין גלייך אהיים געהן. איר הערין אויף לערנען פונקט אכט אוהר, און אין פינף מינוטען וועל איך בייא דיר אין חדר זיין — ווארטען לאנג אויף מיר וועסטו ניט דארפען.

דיין פריינד וואלף גוטנינד.

6.

אַנְטְוָואֳרְט

רעי היקר וואָלף!

אַקלוגער דארף ניט מורא האבען בייא נאַכט צוא געהן. וועט דיר ווער נעהמען, אָדער וועט ווער דיר טאָהן וואָס? איך קען אויף דיר וואַרטען און מיר וועלין גלייך געהן. בייא אונז הערט מען אויך אויף לערנען אַכט אָדער נאָך אַכט.

דיין פריינד שלום מעטריקין.

אנטוואָרט

רעי היקר וואָלף!

אַקלוגער דאַרף ניט מורא האבען בייא נאַכט צוא געהן. וועט דיר ווער נעהמען, אָדער וועט ווער דיר טאָהן וואָס? איך קען אויף דיר וואַרטען און מיר וועלין גלייך געהן. בייא אונז הערט מען אויך אויף לערנען אַכט אָדער נאָך אַכט.

דיין פריינד שלום מעטריקין.

7.

אַנְדֶערְשׁ.

איך וואלט אויף דיר גערין געוואַרט אום מיר זאלען גלייך אַהיים געהן ; נאָר בייא אונז לערינט מען אָב זיעבען אוהר. איך לערין דאָך אין ציוניסטישען „בית הספר", מיר קומען שפעט און געהען אַוועק פריה, אום עס זאָל אנדערש זיין וויא אין אַ חדר.

פאַר וועמען און פאַר וואָס האָסטו מורא בייא נאַכט צוא געהן? עס פאַסט גאָר ניט פאַר אַ אינגעל אזאַ טרום צוא זיין!

דיין חבר זלמן גרינגאַרטען.

אנדערש

איך וואלט אויף דיר גערין געוואַרט אום מיר זאלען גלייך אהיים
געהן ; נאָר בייא אונז לערינט מען אָב זיעבען אוהר. איך לערין דאָך
אין ציוניסטישען „בית הספר", מיר קומען שפעט און געהען אוועק פריה,
אום עס זאָל אנדערש זיין וויא אין אחדר.
פאַר וועמען און פאַר וואָס האָסטו מורא בייא נאַכט צוא געהן?
עס פאַסט גאָר ניט פאַר אַ אינגעל אזאַ טרום צוא זיין!
דיין חבר זלמן גרינגאַרטען.

8.

אַ קינְד צוּא דִיא עֶלְטֶערִין.

גוטע ליעבע עלטערין!

איך בין אָנגיקומען מיט אַ שעה צוריק אין גראָדנאָ. דעם

אָנקעלס אללע קינדער האָבען מיר ביי'ן וואָקזאל עמפפאַנגען. מאָרגען וועט דער אָנקעל (פעטער) שיקען נאָך דעם לעהרער און וועט מיט איהם אָפריידען.

אייער זאָהן חיים ליטאָוויץ.

אקינד צוא דיא עלטערין.

גוטע ליבע עלטערין!

איך בין אנגיקומען מיט מיינעם פעטער פון גראדנא. דעם אנקעלס אללע קינדער האבען מיר ביי'ן וואקזאל עמפפאנגען. מארגען וועט דער אנקעל (פעטער) שיקען נאך דעם לעהרער און וועט מיט איהם אפריידען.

אייער זאהן חיים ליטאוויץ.

ט.

צוא אַ בְּרוּדֶער.

אָח יקר!

דיא עלטערין שרייבען דיר אַבריעף און איך אַ קליינעם גערוס. איך דאַנק דיר זעהר וואָס דוא פרעגעסט ניט אין יעדער בריעף מיר צוא גשביסען. איך קען שוין לערנען און שרייבען.

דיין ברודער טוביה קאַצענעלענבאָגען.

צוא אברודער.

אח יקר!

דיא עלטערין שרייבען דיר אבריעף און איך אקליינעם גערוס. איך

דאנק דיר זעהר וואס דוא פערגעסט ניט אין יעדער בריעף צו מיר צו גריסען. איך קען שוין לערנען און שרייבען.

דיין ברודער טוביה קאצענעלענבאגען.

~~~~~~~~~~

10.

צוא אַ שְׁוֶועסְטֶער

ליעבע שוועסטער!

איך האָב אויך זעהר געוואלט מיט פאָהרען מיט דיא מוטטער צוא דיר, נאָר עס איז שאַדע דיא צייט. איך לערין העברייאיש, רוסיש און רעכנען. דעם קינפטיגען סעזאָן (זמן) וועל איך שוין א רויס פון חדר, און וועל לערנען אין דער היים. גערים דיינע קינדער.

דיין ברודער ישראל פאנעלסאהן.

צוא אשוועסטער.

ליעבע שוועסטער!

איך האב אויך זעהר געוואלט מיט פאהרען מיט דיא מוטטער צוא דיר, נאר עס איז שאדע דיא צייט. איך לערין העברייאיש, רוסיש און רעכנען. דעם קינפטיגען סעזאן (זמן) וועל איך שוין ארויס פון חדר, און וועל לערנען אין דער היים. גערים דיינע קינדער.

דיין ברודער ישראל פאנעלסאהן.

~~~~~~~~~~

11.

צוא אַאָנְקֶעל (אַ פֶּעטֶער).

לדודי היקר...

אין מיין פאַטערס בריעף שרייב איך אַייך אַ קליינעם גערוס. איך קען פֿיעל ניט שרייבען ווייל איך האָב ווייניג צייט: איך האב צוא מאכען לעקציאָנען פֿאַר דרייא לעהרערס — גמראָ, העברייאיש און רוסיש.

אַייער פלימעניק כלב קאַצענעלענבאָגען.

צוא א אנקעל (אפעטער).

לדודי היקר...

אין מיין פֿאטערס בריעף שרייב איך אייך א קליינעם גערוס. איך קען פֿיעל ניט שרייבען ווייל איך האב ווייניג צייט: איך האב צוא מאכען לעקציאנען פֿאר דרייא לעהרערס — גמרא, העברייאיש און רוסיש.

אייער פלימעניק כלב קאצענעלענבאגען.

12.

צוּא אַ זֵיידֶען.

לאָבי זקיני היקר...

איך שיק אַייך מיין וואונש צום נייען יאָהר: גאָט זאל אַייך געבין גליק, לאנגע יאָהרען און איהר זאָלט האָבען אימטער פֿערגעניגען פֿון אַייערע קינדער. גיב גאָטט איך זאָל אַייך אַזעלכע וואונש-בריעף פיעל מאָהל שרייבען, דאס איז דער פֿערלאַנג פֿון אַייער אייניקיל

לייב גאָרפֿינקעל.

צוא א זיידען.

לאבי זקני היקר...

איך שיק אייך מיין וואונש צום נייען יאהר: גאטט זאל אייך געבין

גליק, לאנגע יאהרען און מעהר גלאט האבען אימער פערגעניגען פון אייערע קינדער. גיב גאָט איך זאל אייך זעלכע ווונש-בריעף פיעל מאהל שרייבען, דאס איז דער פערלאנג פון אייער אייניקעל.

לייב גאָרפינקעל.

~~~~~~~~~~

13.

צוּא אַגוּטֶען פְּרֵיינְד.

ידידי היקר...

איך וויל אז דוא, מיין גוטער פריינד, זאלסט מיט מיר מיין פערגעניגען טהיילען, אלזא הייל איך דיר אָנצוזאגען אז איך האב דעם עקזאמען גוט אויסגיהאלטען. איך האב זעהר גוטע מיינונגען בעקומען פיר אלס. איך בין שוין יעטצט אשילער פון דריטען קלאסס.

ידידך מיכאל ליליענטהאל.

צוא א גוטען פריינד.

ידידי היקר...

איך וויל אז דוא, מיין גוטער פריינד, זאלסט מיט מיר מיין פערגעניגען טהיילען, אלזא הייל איך דיר אנצוזאגען אז איך האב דעם עקזאמען גוט אויסגיהאלטען. איך האב זעהר גוטע מיינונגען בעקומען פיר אלס. איך בין שוין יעטצט אשילער פון דריטען קלאסס.

ידידך מיכאל ליליענטהאל.

~~~~~~~~~~

14.

אַנְטְוָוארְט.

בעסטער פריינד מיכאל!

מיר פרייהט זעהר וואס דוא האסט גוט אויסגיהאלטען דעם

עקזאַמען. זעה אויך ווייטער פלייסיג צוא לערנען, וועסטו אַללע מאָהל גוטע מיינונגען בעקומען. איך לערין פריוואַט, אָבער גוט.

דיין פריינד נחמן טענענבוים.

אנטוואָרט

בעסטער פריינד איכאָן!

איך פרייעט זעהר וואָס דוא האָסט גוט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען. זעה אויך ווייטער פלייסיג צוא לערנען, וועסטו אַללע מאָהל גוטע מיינונגען בעקומען. איך לערין פריוואַט, אָבער גוט.

דיין פריינד נחמן טענענבוים.

15.

אַנְדֶעְרְשׁ.

ידידי!

עס איז קיין וואונדער אז דוא ביזט פון צווייטען קלאַסס אין דריטען אַריין; דוא ביזט דאָך אַללע מאָהל פלייסיג, און פלייסיגקייט איז אַגאָט'ס גאַבע.

דיין פריינד עוזר ליאַמבערג.

אנדערש

ידידי!

עס איז קיין וואונדער אז דוא ביזט פון צווייטען קלאַסס אין דריטען אריין; דוא ביזט דאָך אַללע מאָהל פלייסיג, און פלייסיגקייט איז אַגאָט'ס גאַבע.

דיין פריינד עוזר ליאַמבערג

א פלימעניק בעט זיין אנקעל און טאנטע אויף זיין האכצייט.

טייערע אנקעל און טאנטע מיט זייערע ליעבע קינדער־ליך וואלען לעבען!

קומענדען זונטאג דען 15־טען מאי
ווערט געפייערט מיין געליקליכע האכ־
צייט. אבוואהל איך האב אייך שוין
ביי 3 וואכען ארויסגעשיקט די
חתונה־קארטע און איהר ריכט
זיך געוויס און זייט פארבערייט
פיר דעם. אבער איך געפין אויך

פאר נויטיג צו ערינערן אייך
איבער דעם מיט א בעזונדער בריעף.
איהר מוזט ניט פערגעסען מיינע
טייערע, ואס ביי מיין זיין אזוי וויט
פון מיינע ליעבע עלטערן, זייט איהר
די גרעסטע און נעהנטסטע קרובים
אין מיין פאמיליע צו מיין האכצייט.
און אויף אייך ליגט די היילִיגע
פפליכט צו בעהאנדלען מיר ביי דעם
צופאל ווי טריע און ליעבע עלטערן
זייער אייגען קינד.

איך ערווארט אייך מיינע טײַ-
ערע, מיט אייער גאנצע ליבליכע
פאמיליע אונגעדולדיג.

אײַער יעקב סלוצקי.

פארהאלטונג פון א כלה צו א חתן פאר זײַן ניט אָפטען שרײַבען.

מײַן ליבער, טײַערער דויד.

איך צווייפעל ניט אין דיינע אמתיע
און ריכטיגע ווערטער, מיט וועלכע
דו האסט מיר פערשפראכען אייביגע
ליעבע און טרייהייט. איך בין איבער-
צייגט אין דיין ריינע און קלארע
הארץ, און דאדורך, וואונדערט עס

מיר טאָקע ווי קענסטו עס, ליעבער
דוב. פּועלן ביי זיך, ניט צו שריי-
בען מיר גאַנצע דריי וואָכען צייט.
דו ווייסט דאָך אַז יעדען טאָג, וועל-
כען איך הער ניט פון דיר, איז ביי
מיר אַ יאָהר. דו ווייסט דאָך דעם
גרויסען פערגעניגען וועלכען איך
האָב ביי מיין עמפּפאַנגען דיינעם
אַ בריעף. היינט וואָרום זשע, מיין
טייערער, ווילסטו מיר דאָס צוליעב
ניט טהאָן, און ערפרעהען מיר

מיט דיינע בריעף אום וועניגסטען
וועכענטליך.
איך האף, ליעבער דוד, אז דו
וועסט פון יעצט אן מיין וואונש ער
פיעלען.

דיין עווינע, נחמה.

(אנטווארט).

מיין זיסע ליעבע נחמה!

דו ביזט ווירקליך גערעכט. וואס
דו האסט מיך געוואונדערט אויף
מיין שווייגען פאר די לעצטע דריי

וואכען לייט. דארפסט אבער וויסען,
איין טייערע, דאס מעהר, ווי די
פערלאנגסט צו וויסען פון מיר, וויל
איך וויסען פון דיר. איך ווייס אלץ
דו געפינסט זיך ניט איבעריג צו-
פריעדען אין א פרעמדע הויז; איך
ווייס, דאס דו פערברענגסט ניט
אין גרויסע פערגעניגענס, און איי-
נער א בריעף פערשאפט דיר גע-
וויס גוטע און צופריעדענהייט.

איך בין אבער, ניט פאר דיר

געדאכט, גאנצע צוויי וואכען אפּ-
געלעגען צו בעט דורך א שטארקע
און שווערע גריפּ (אינפלוענציא).
וועלכע האט מיר פעסט אנגעגריפ-
פען; איך געה נאך יעצט אויך
כמעט נישט ארויס אין גאס. איך
פרעה מיר אבער צו איבערגעבען
דיר, דאס איך בעססער זיך און
ערהאלט זיך פון טאג צו טאג,
און האף נאך די וואך אנצופאנ-
גען זיך ווידער בעשעפטיגען, און

צו שרייבען דיר אפטער, נאך דיין
פערלאנג.

דיין צוויגער, דוד.

צו א געבורטס-טאג פון עלטערין.

מיין ליבער, פאטער (אדער) ליעבע מוטער.

מיין שוואכע פעדער איז ניט
אים שטאנדע צו פארטראגען די
גרויסע משא פון ברכות און וויני-
שונגען, וועלכע מיין הארץ פיהלט
און מיין גייסט דענקט צו דיין גע-
בורטס-טאג. ניט נאר פאר דיין
אייגענע פאמיליע. פאר דיינע ליעבע

קינדער· איז דער געבורטס־טאג
א יום־טוב. נאר אויך פיר הונדער־
טע פון דיינע בעקאנטע און פריינ־
דע. װעלכע װיסען און שעצען דיין
גרויסע װערט. אלס א מענש. און
א פריינד פון דער געזעלשאפט.
יעדער יאהר. װעלכער קומט צו איין
דיין לעבען, איז געשאפען א גאנ־
צער בוך פון װאהלטהאטען און
צדקה. װעלכע דו טהוסט מיט צו־
פרידענהייט פיר ארימע. עפענדע

און קראנקע, און זיי אלע ווינשען
דיר, דאס דיינע יאהרען גרייכען
זאלען צו הונדערט און צוואנציג.
נעהם צו, ליעבער פאטער, (אדער
ליעבע מוטער, די ברכה, וועלכע
קוועלט פון א ריינעם הערץ.

פון דײַן זוהן אָדער טאָכטער.

ווינשענדיג עלטערן אַ כתיבה וחתימה טובה
צום נייעם יאָהר.

מײַנע ליעבע עלטערן!

דאס וואס מיין הארץ פיהלט און מיין מח טראכט צו אייך א גאנצען יאהר, יעדען טאג און יעדע שטונדע— מוז איך אייך יעצט ארויסגעבען שריפטליך יעצט, שטעהענדיג ביי דעם נייעם יאהר, וואו עס מוזען גע־צאלט ווערען אלע חובות און דער ספר הזכרונות מוז דעגולירט ווערען.

איך בעגריס אייך, מיינע ליעבע און טייערע על־טערן, מיט די אלטע אידישע ברכה מיט די דריי גע־צעהלטע ווערטער: אכתיבה וחתימה טובה, וועלכע ענטהאלטען אלעס גוטעס: געזונד, לעבען, פרנסה און גליק. איהר זאלט זיך עלטערען אין פיעל נחת און איהר זאלט נאך פיעלע, פיעלע יאהרען בעקרוינען אייערע קינדער וועלכע האלטען אייך פיר זייער ציהרונג און שטאלץ.

אייער זוהן, וועלכער בענשט אייך פון טיעפען הארצען.

א. פערעלטוטער.

א זוהן צו זיין פאטער. גליקווינשונג צום נייעם יאהר.

טייערסטער פאטער!

מיט ווערטער בין איך נישט אים
שטאנד אויסצודריקען, ווי שטארק
איך פיהל דיינע אונאויפהערליכע
וואוילטהאטען. דאס איז נאר מיין

הארץ אליין בעקאנט. איך נעהם
איר די פרייהייט דיר, איין טייערער
פאטער. צו זאגען, דאס דו וועסט
איר ניעמאלס געפינען די ליעבע אונ-
ווירדיג צו זיין און וויל איך ווינש
דיר און דעם צו איבערצייגען, וועל
איך מיר די מיהע געבען מיט
דאפעלטער אויפמערקזאמקייט צו
ערפילען אלעס. וואס קען דיר נור
פערגעניגען פערשאפען.
נישט דאס נייאהר ברענגט מיך

דערצו, אז איך זאל דיר מיין
דאנק אויסזאגען, דאס ווען אין
מיין הארצען אונפערענדערליך
בלייבען. איך בעט זיך בלויז
מיט דער געלעגענהייט צו פער־
זיכערען דיר, דאס קיין זאך
אין דער וועלט איז ניט אים
שטאנד דיעזעס געפיהל אויסצו־
לעשען. איך בעט נאר גאט, ער
זאל דיר דערלענגערן דיינע רוהע
און גליק. און איך פערהאף, דאס

עס וועט ערהערט ווערען דאס אויפריכטיגע געבעט פון דיין אויפ־ריכטיג אונטערטעניגען זוהן.

....

אנטוואָרט.

ליעבער זוהן!

דיין דאנקבארקייט, מיין זאָהן, בעלאָהנט מיך פיר אלע זאָרגען, וועלכע איך האָב פון דיינעטוועגען איבער־געטראָגען. איך פערהאָף דו וועסט מיך לאָזען פערגעסען די לאסט פון דער עלטער. דיינע ווינשע זענען מיר בעסער און טייערער פאר אלע, וועלכע איז האָב היינט ערהאלטען, וויל זיי קומען פון דיינעם הארצען און נישט בלויז פון געוואָנהייט. איך ווינש אויך, דאָס דיין געבעט זאָל ערפיעלט ווערען, צוליעב דיינע אייגענע נוצען, אום איך זאָל דיר קענען נאָך מעהרערע בעווייזע פון מיין ליעבע צייגען.

דיין דיך ליעבענדער פאטער...

צו א מאמע צו איהר געבורטסטאג.

טייערסטע מאמע!

היינט איז אייער געבורטסטאג—
פאר מיר א גרויסער יום טוב, מיין
איינציגסטע ליבע און אכטונג צו
אייך קען איך אויף קיין אנדער
אופן ניט ארויסווייזען. אויסער
גאט בעטען פאר אייער געזונד
און לאנג לעבען. איך וועל זיך בע-
מיהען אייערע פארבעטערפליכע איי-
גענשאפטען איבערצונעמען, באמיט
אייער. ליעבע און איבערגעבענהייט

צו געווינען צו וואס עס שטרעבט אייער געהארכזאמע ניכטע . . .

א זאהן ווינשט זיין מוטטער גליק צו איהר געבורטסטאג:

טייערסטע מוטטער !

דער טאג, אין וועלכען דו ביסט געבארען, איז ביי מיר פערעכענט פאר דעם גרעסטען יו"ט, און וואס אנדערש קען איך טהון, אז ניט גאטט בעטען ער זאל דיר פערלענגערן די יאהרען און שענקען דיר מוט און קראפט אויף דער עלטער, אום איך זאל נאך לאנג קענען ערפעלען מיינע פפליכטען צו דיר, מיין בעסטע מוטער, ווי ביז יעצט.

אום צו פערגרעסערן דיין פרייד, נעהם איך מיר אונטער, מיין ליעבע מוטער, צו שרעבען ארויסצווייזען דיר מיין דאנקבארקייט פאר דיין גוטע ערציהונג, פאר דעם וואס דו האסט מיר געגעבען די געהעריגע בילדונג, דורך אונערמידליכען פלייס און טרייע ערפילונג אללע דיינע פערלאנגען.

נעהם אן, טייערסטע מוטטער, די פערזיכערונג אין מיין שטענדיגער געהארכזאמקייט פון דיין דאנקבארסטען זאהן . . .

דאנק-בריעף.

טהייערער פריינד!

איך דאנק אייך זעהר פיר די
שעהנע מתנה וואס איהר האט מיר
געשיקט אלס געבורטס-טאג געשאנק.
עס איז ביי מיר א צייכען פון ליעבע
און אמתע פריינדשאפט.

אייער פריינד, ...

טהייערע פריינדין!

איך דאנק אייך זעהר הערצליך
פיר אייער גליקוואונש און פאר די
זילבערנע לייכטער וועלכע איהר האט

מיר געשיקט אלס חתונה־געשאנק.
אייער מתנה וועט זיכער ביי מיר
פארנעמען דעם אויבענאן אויפן טיש.

מיט הערצליכען גרוס, ...

טהייערע פריינדין!

איך דאנק אייך זעהר פיר דער
פאטאגראפיע־בילד פון אייער שיינעם
קינד. עס פארשאפט מיר גרויס
פארגעניגען צו זעהן אז דאס קינד
איז געראטען אין דער מאמען.

אייער פריינדין, ...

ווערטהער פריינד!

איך נעהם אן מיט פערגעניגען
צו זיין ביי דער פייערונג פון אייער
גילבענער הוכצייט, צו דער
געלעגענהייט שיק איך אייך הערמיט
דעם גילבערנעם בעכער אלס צייכען
פון ליעבע און גוטע ווינשע.

אייער פריינד, ...